ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# תולדות רבי שמעון הפייטן

אידיש

**635**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# ספר

## תולדות

# רבי שמעון הפייטן

און דיזען ספר ווערד ערציילט זייער אווינדערליכע מעשה פון ר' שמעון הפייטן'ס זוהן אלחנן וויא אזוי ער איז געוועזען פויפס אין רום און דער נאך איז ער צוריק געווארען א יוד. און ער איז פערברענט געווארען אויף קידוש השם. און זיין פאטער האט געמאכט פיוטים אויף ראש השנה וואס עם הייבט זיך אהן מיט דעם ווארט „אלחנן" נאך זיין זוהנ'ס נאמען.

מיר האבען דאס איבערגעזעצט אויף זשארגאן כדי יעדער מענש זאל זעהן דאס גרויסקייט פון דעם הייליגען גאון און צדיק זיע"א.

ווארשא

שנת תרפ"ד לפ"ק

# תולדות ר׳ שמעון הפייטן

## די געשיכטע פון ר׳ שמעון הפייטן דער רב פון מגנצא מיט זיין זוהן ר׳ אלחנן.

שטיל און רוהיג איז זיך געזעסען דער רב אין מגנצא וואָס איז בעוואוסט מיט זיין נאָמען ר׳ שמעון הפייטן וואָס ער האָט מחבר געוועזען פיעל פיוטים וואָס מען זאָגט זיי בכל קהלות ישראל. ער האָט אָבגעלערענט זיין שיעור מיט די תלמודים און זענען זיך אהיים געגאַנגען זיך אַביסעל אָברוהען פון דעם שיעור וואָס זיי האָבען זיך שטאַרק מפלפל געוועזען בעת זייער לערנען אַזוי ווי מיליטער ביי דער מלחמה שטעהט איינער קעגען דעם צווייטען און יעדער איינער שטרענגט זיך אָהן מיט אַלע כוחות מנצח זיין דעם צווייטען, אַזוי די תלמודים שטעלען זיך איינער קעגען צווייטען מנצח צו זיין זיין חבר און איז זיך מפלפל אין ווייזט אויס ווי ער איז גירעכט נאָך דעם זאָגט זיך דער רבי זיין פשט און ער איז מכריע צווישען זיי און ער גיט די קרוין פון נצחון אויף איינעם פון זיי. הערענדיג דעם ריכטיגען פשט פון זייער רבין ווערד תיכף שלום צווישען זיי. זיי ווערען חבר איינער מיט דעם צווייטען זייער ליעבשאַפט ווערד אַלע מאָהל שטאַרקער. נאָך דעם געהען זיי זיך אהיים פריילך זיך אַביסעל אָברוהען פון זייער הייליגער מלחמה. אָבער זייער רבי ר׳ שמעון ער רוהט ניט ער ענדיגט זיין שיעור נעמט ער זיך טראַכטען מחבר צו זיין אַ פיוט אויף דעם צווייטען טאָג ראש השנה פיעל מיט הייליגע געדאַנקען וואָס הייבט זיך אָהן „מלך אמון מאמריך" ער האָט שוין באַלד געענדיגט זיין אַרבייט און שוין אויף געשריבען דעם גאַנצען פיוט איז אַריין געקומען זיין יונגעל פיער יאָהר אַלט. ווי ער איז צו געגאַנגען צום טיש און אריין געקוקט אין פאַפיר אַריין. האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעלדיג קול האָח! וואָס זעה איך יעצט מיין נאָמען אלחנן געפינט זיך דאָ אויף דעם פאַפיר דאָס איז ביי מיר אַ גרויסער כבוד וואָס די האָסט מיך היינט מכבד געוועזען צו דער מאַנען מיין

באָמען

נאָמען אין דעם טייערען פיוט. דער פאָטער האָט איהם גיענטפערט מיט אַ שמייכעל עס איז אמת מיין טייערער אלחנן מיט מיין גאַנצען ווילען וועל איך היינט אויף שרייבען דיין טהייערען נאָמען אין דעם נייעם פיוט די זאָלסט אָבער גידענקען אַז די וועסט הערען עמיצער וועט דער מאַיען דיין נאָמען זאָלסטו דיך דער מאַנען אין דעם חרוז וואָס הייבט זיך אָהן מיט די ווערטער אלחנן בחלתו בנועם להשפר. אַלעס ענטפער אויף זיינע רייד האָט דאָס קינד גענימען דאָס פאַפיר אין ער האָט עס אַ דורך געלייענט אין ער האָט גיזאָגט צי זיין פאָטער יאָ יאָ מיין פאָטער די פינף ווערטער וועלען זיין אויסגעקריצט אויף מיין האַרץ איך וועל אויך די ווערטער קיין מאָהל ניט פערגעסען. דער ענספּגר האָט שטאַרק דער פרייט דעם פאָטער אין טרערען פין פרייד האָבען זיך בעוויזען אין זיינע אויגען, מיט גרויס ליעבשאַפט האָט ער איהם צי געדריקט צי זיין האַרץ אין האָט איהם גיט אָהנגעקישט:

אַזוי ווי די זון אין איין לויטערין טאָג אין איהרע שטריילין וואָס ציהען זיך אויף אלע עקין וועלט אויף יעדען פנים הערשט אַ פרייד אין יעדען בעשעפינעש איז לוסטיג אין פריילִיך. פלוצלינג ווערען די הימלען פער־וואָלקענד עס הערען זיך שטאַרקע דינערין וואָס זיי מאַכין ציטערין יעדען איינציגען עס הערשט אויף יעדען איינציגען אַ נידעריגקייט אַ מורא. אַזוי איז פלוצלינג געקומען איין גידעכטער וואָלקען אין האָט פערפינצטערט די גליקליכע זון וואָס האָט געשיינט ביז יעצט ביי ר׳ שמעון הפייטן אין שטיב. די מנוחה אין לופט וואָס האָט גיהערשט ביז יעצט אין דעם הויז האָט פערלאָזט זייער אָרט אויס צי ליידיגען אַ אָרט פאַר דעם טרוי אין פינצטערניש וואָס האָבען בעפילט דאָס הויז. דער איינציגער זוהן אלחנן איז שלאָף געוואָרן זיין שלאַפקייט האָט זיך גיערגערט פין טאָג צי טאָג ביז ער איז געוועזען מסוכן. זיינע עלטערן זענען גיזעסען לעבען איהם זיין מיטער האָט געוויינט אין פערגאָסען טייכען טרערען אויף איהר טייערען זוהן, זיין פאָטער האָט געבויגען זיין קאָפּ צי דער ערד אין איין טרוי האָט בעדעקט זיין פנים אויף זייער קריסטליכע דינסט מאַרגאַריטא וואָס איז געוועזען זיין אַם און זי האָט איהם ליעב געהאַט גלייך ווי איהר אויג זי האָט ניט אָב גיטרעטען פין זיין בעט איין רגע אין האָט איהם בעזאָרגט מיט די רעצעפטען וואָס דער דאָקטער האָט איהם פערשריבען:

וַיְהִי היום בעת דאָס שלאַפקייט (קדחת) האָט זיך געשטאַרקט האָט דאָס פנים פון שלאַפען יונגעל געפלאַמט ווי פייער. די דאָקטוירים האָבין גיזאָגט

צו

אַז אַ ברענענדיגע היץ ברענד אין זיינע ביינער מען טאָהר איהם גיט אָבלאָזען קיין רגע מען מוז זיצען לעבען איהם דאָס אומגליקליכע קינד האָט גערייעדט אַזעלכע ווערטער וועלכעס מען האָט זיי ניט גיקענט פערשטעהן וויל ער האָט גירייעדט פון דער היץ צייטענווייז האָט ער גערופען זיינע עלטערין זיינע חברים (אַלעס מיט ניט קיין ריינע געדאַנקען) פליצלונג האָט ער זיך אויף געזעצט אויף זיין בעט אין געזאָגט מיט אַ קול „אַל־חן נחלתו בנועם הושפר" דער רופא ר׳ נתן וואָס איז דאַמאָלסט געווען אין שטיב האָט זיך געווינדערט הערענדיג די רייד פון אַזאַ יונג קינד אין האָט געקוקט אויף דעם קינד׳ס פאָטער מיט אַ פערווינדערט פנים גלייך ווי ער בעט איהם אַז ער זאָל איהם זאָגען וואָס די ווערטער בעדייטען:

דער רב ר׳ שמעון האָט פערשטאַנען דעם דאָקטערס פערווינדערט קוקען אַז ער איז נייגעהעריג צו וויסען דאָס בעדייטונג פון די ווערטער וואָס דאָס קונד האָט געזאָגט. האָט ר׳ שמעון געזאָט צום דאקטער. מיט עטליכע וואָכען צוריק האָב איך אויף געשריבען אויף אַ פאַפּיער אַנייעם פיוט אויף ראש השנה. איז דאָס שלאפע קינד אריין געקומען צו מיר אין מיין חדר אריין און ער האָט געזעהן ווי זיין נאָמען איז אויף געשריבען אויף איין אָנהייב חרוז האָט ער זיך זייער געפרייט און ער האָט זיך גחזרת דעם חרוז עטליכע מאָהל כדי ער זאָל איהם גידענקען. און פון דאמאָלס אָהן גידענקט ער אין די ווערטער און זאָגט זיי שטענדיג. דער דאָקטער האָט געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ אלעס צייכען אז ער איז ניט מסכים צו דעם און ער האָט געזאָגט צום רב שוין עטליכע מאָהל האָב איך אייך געזאָגט אַז איהר זאָלט ניט מאַטערען דעם מוח פון דעם יונגען קינד מיט אַזעלכע למודים. וויל זיי מאַטערען איהם אָב זיין קערפּער צו אַזאַ יונג קינד טויג היינט ניט קיין שום למודים נאָר מען זאָל איהם פריי לאָזען און ער זאָל זיך שפּיעלען מיט זיינע חברים און ער זאָל זיך פערברענגען זיין צייט מיט שפּיעלעריי אינטער דעם הימעל ער, זאָל זיך אָהן זעטען מיט גוטע לופט ביז ער וועט אַ ביסעל עלטער ווערען און זיין קערפּער וועט שוין זיין געשטאַרקט דאַמאָלסט וועט איהר איהם מעגען לערנען וואָס איהר וועט וועלען. דאָס קינד איז יעצט זייער שלאַף האָט דער דאָקטאָר געזאָגט ווען ער איז צו געגאַנגען צו דעם קונדס בעטיל און, ער האָט איהם גוט בעטראַכט אַלזאָ דאַרף מען יעצט דאָס קינד גוט היטען מען זאָל איהם ניט לאָזען אַליין און שטיב אַפילו איין רגע. נאָר אַמענש זאָל לעבען איהם זיצען ביי טאָג און ביינאַכט ער זאָל איהם אַלע

מאָהל

מאהל איבער בעטען אין ער זאל איהם געבען די רעצעפטען וואס איך וועל דא פערשרייבען . די שאלפקייט וועט נאך דויערען ניין טעג זי וועט אזוי שטעהן אויף איין שטאנד נאך דעם ניינטען טאג וועט זיך די שלאפקייט איבערוועגען אבער צי גוטען אבער חלילה צום שלעכטען.

עס איז נאכט געווארען דער רב ר׳ שמעון איז געגאנגען און שוהל אריין דאווינען מנחה ומעריב און די רבנית האט זיך צו געלעגט אביסעל כדי זי זאל קענען ביי נאכט אויף זיין און אכטונג געבען אויף דעם שלאפען קונד. און די דיענסט מארגאריטא איז אליין געבליבען זיצען לעבען דעם קונד און זי האט ניט אבגעטרעטען קיין איין רגע פון בעט . זי איז געוועזן אליין מיט דעם קונד און זי האט ניט אראב געלאזט איהרע אויגען פון דעם קונד . און זי האט אהנגעהויבען צו קלערען וואס עס קען זיין דער תכלית פון דעם קונד אלעס פרומע גלויבערן האט זי בעדו[illegible] דאס קונד און זי האט געזאגט . מיין הארץ טוהט מיר וועה אויף דיר אומגליקליך קונד . הערשט עטליכע יאהר וואס די ביסט ארויס פון דיין מוטערס בויך און האסט הערשט אהנגעהויבען צו זעהן דאס ליכטיגקייט פון דער וועלט . און די מוזט שוין פערלאזען די וועלט מיט איהר ליכטיקייט . די ביסט א קליין קונד און גאט האט דיך געבענשט מיט א שעהנקייט און נישט קוקענדיג אויף דעם וועט דיין פאדעם פון לעבען איבער געריסען ווערין און עטליכע טעג ארום און די וועסט און דיין יוגענד געהן און גיהנם אריין . ווי שרעקליך איז דיין לאגע . די טויערין פון גן עדן וועלען פאר דיר זיין פערשלאסען און די וועסט ניט זוכה זיין צו זעהן דאס ליכטיקייט פון גאט ווייל די ביסט א יוד . מיט מיין גאנצען ווילען און מיט אלע מיינע קרעפטין וואלט איך דיך געוואלט מציל זיין פון דעם שרעקליכען פייער פון גיהנם. ווייל איך האב דיך ליעב און איך האב מיט לייד מיט דיר נאר מיט וואס פאר א אופן קען איך דיך ראטעווען ? וואס פאר אוועג זאל איך זיך אויס קלויבען איך זאל דערגרייכען מיין ציעל ? און זי האט אהנגיהויבין צו וויינין האט ער זיך אוף געכאפט פין איהר געוויין מיט אשטארקען רעש אין ער האט זיך געווארפען אויף זיין בעט אהן אויף הער זי האט געפריצווט איהם איין צושטילען אין זי האט איהם געוואלט גלייך לייגען אין זי האט איהם געוואלט געבען די רעצעפט. ער האט זי אבער פין זיך אבגעשטויסען אין כמעט די האלבע נאכט איז ניט רוהיג אדורך געגאנגען. נאר ווען דער פאטער איז אריין געקומען צי איהם אין ער האט זיך לעבען איהם אנידער גיזעצט האט דאס קינד אויף געהויבען זיין קאפ אין ער האט זיך געשטארקט אין

ער

ער האט זיך געוואלט אויף זעצען אויף זיין בעט און ער האט געשריגען „אלחנן נחלתו" נאך דעם איז ער געבליבען רוהיג און ער איז אזוי געלעגען א גאנצע נאכט רוהיג ער האט גאהר ניט גירעדט:

גאנץ פריה איז דער דאקטער אריין גיקומען צו דעם קונד און ער האט דאס קונד בעטראכט און ער האט געזאגט צו די עלטערין אז דעם קונדס קרענק איז אביסעל לייכטער און עס איז דא גרויסע האפענונגען אז דאס קונד וועט גענזינד ווערען נאר אויף זיכער קען ער הערשט וויסען ביז די ניין טעג וועלען א דורך געהן דאמאלסט וועט ער שוין וויסען אויף זיכער צו זאגען ווי די שלאפקייט בייגט זיך:

און א זונטאג בעת אלע נוצרים זענען שוין אהיים געגאנגען פון זייער קירכע איז נאך געבליבען עטליכע נוצרים און קירכע שטעהנדיג פאר דעם גלח און האבין זיך מתודה געוועזען אויף זייערע זינד צווישען זיי איז אויך געוועזען דעם רבי'ס דיענסט מארגאריטא. נאך דעם ווי זי האט זיך מתודה געוועזען האט זי דערציילט דעם גלח וועגען דעם קונד. און זי האט איהם געזאגט דאס איהר הארץ טוהט איהר וועה אויף דעם קונד בעת זי דערמאנט זיך אז ער וועט פערפאלען ווערען און דעם פינצטערין גיהנם און ער וועט ניט זעהן דאס ליכטיקייט פון גן עדן ווען זי קוקט איהם אהן זיין שעהנהייט זיין קליגהייט וואס זי ליעבט איהם גלייך ווי דאס אפעל פון אויג ווייגט און איהר דאס הארץ בעטראכטענדיג זיין ביטערען עונש וואס ער וועט ליידען אויף יענער וועלט. דער גלח האט איהר איינגערוימט עטליכע ווערטער און אויער אריין און זי איז אוועק געגאנגען צופרידען:

חצות לילה הגיע עס איז שוין געוועזען האלבע נאכט און דער רב ר' שמעון איז נאך גיזעסען און זיין חדר און גילערענט איין זיסער שלאף האט צו געמאכט זיינע אויגען און ער איז ענטשלאפען געווארען און א האסטיגען שלאף פלוצלינג האט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפען א שמייכעל וועלכעס דער שמייכעל איז א בעוויז אז עס האט זיך איהם גע'חלמ'ט א גוטער חלום. פליצלונג האט ער זיך אויף געכאפט פון זיין שלאף און ער האט זיך ארום געקוקט און אלע זייטען און ער האט פערמאכט דאס ספר וואס עס איז גילעגען אפען פאר איהם און ער איז אריין געגאנגען מיט פרייד און דעם חדר אריין ווי זיין קונד איז גילעגען און די מוטער איז גיזעסען לעבין איהם. און ער האט געזאגט צו זיין ווייב די זאלסט וויסען אז אונזער קונד חעט ניט שטארבען נאר ער וועט לעבען און ער וועט דערפרייען אונזערע הורצער. זיין ווייב האט איהם אהנגעקוקט פערוואונדערט זי האט ניט געוויסט

קיין

# תולדות ר' שמעון הפייטן

איך בין גיזעסין קיין בעצייטונג פון די ווערטער. ער האט איהם דערציילט. איך בין אליין אין מיין חדר אין א שאלף האט בעדעקט מיינע אויגען אין איך האב גיזעהן אין חלום ווי אותיות פין אונזער הייליגע תורה פליהען אין דער לופטען אין זענין א דורך געפלוגען דורך מיינע אוגען די אלף האט זיך מיר פאר גישטעלט מיט דעם גישטאלט פין א אדון גדול אין א מושל אין ער האלט אין זיין האנד אגאלדינע ריט אין ער שאפט מיט זיינע מענשין וואס שטעהן ארום איהם. די בית האט זיך מיר פאר גישטעלט א שעהנע גרויסע שטיב דאס זעלבע געשטאלט פון דעם פויפס פאלאץ וואס איך האב גיזעהן מיט עטליכע יאהר צוריק אין רום. איך האב זיך גיט איינגעקוקט אין דער שטיב האב איך געזעהן ווי די טהירען פין דער שטיב זענען פאר מיר אפען האב איך חשק בעקומען אריין צו געהן אין שטיב אריין אין איך בין אריין געגאנגען אין דעם הויז אריין אין איך בין געגאנגען פין איין שטיב אין דער צווייטער ביז איך בין אריין געקומען אין דער לעצטער שטיב אריין די שטיב איז זייער שעהן שענער פין אלע שטיבען אין עס איז געשטאנען זייער אשעהנע באלדינע שטיהל דאס שעהנקייט פין דער שטיהל האט פערלייכט די אויגען אין אויף דער שטיהל זיצט דער מושל פון פאלאץ מיט אגאלדינע קרוין אויף זיין קאפ אין פיהל שרים ביקען זיך צו איהם זיי קושען די טריט פין זיינע פיס איך האב זיך גיט איינגעקוקט אוף דעם מושל בין אין דער שראקען געווארען אין איך בין געבליבען שטעהן ווי א צומישטער דער מושל איז אונזער זוהן אלחנן. איך האב זיך ווייטער איינגעקוקט אין איהם האב איך געזעהן אז אפוילישער צלם העננט אויף זיין ברוסט. האב איך זיך זייער דערשראקען אין איך האב געגעבען אגעשריי וואס איז דיר געשעהן מיין זוהן אלחנן? ווי ער האט דערהערט מיך זאגען דעם נאמען אלחנן איז ער אראב געגאנגען פין זיין שטוהל אין ער איז ארויף געפאלען אויף מיין האלדז אין ער האט מיך געהאלדזט פין ליבשאפט נאך דעם איז געקומען דאס געשטאלט פין אלע אותיות אין געשטאלט פין מעליטער אין זיי האבין מיך גיברענגט בעזאמען מיט אינזער זוהן אין אינזער שטאדט אריין אין א שעהנע שטיב לעבען דער שוהל פליצלונג האב איך דערזעהן דארט אין דער שטיב שטעהן אגאלדינע שטיהל זייער אהויכער און אשעהנע די שטיהל האט צוויי אין זיבציג טרעפ אזו ווי די שטיהל פין שלמה המלך אין אויף יעדען איינציגע טרעפ שטעהט און איין זייט אלייב און דער צווייטער זייט שטעהט א אדלער די לייבין האבען געברימט מיט אהויף געשריי אין די אדלערס האבין געקלאפט מיט אשטארקען רעש אינזער זוהן אלחנן האט אראב גנימען

בענומען זיין קרוין פון זיין קאפּ אונ ער האט זי אריין געווארפען און טיף אריין. אלעס בעווייז אז ער וויל ניט די קרוין. נאך דעם איז איינער זוהן ארויף געגאנגען אויף די שטאפּלען פון דער שטוהל און די לייבען האבען גילעקט זיינע פיס און די אדלערס האבען זיך צו איהם געבייגט און ער האט זיך אנידער געזעצט אויף דער שטיהל. און איך האב גיזעהן ווי צענדליגער טויזינדער זענען אראב געקומען פון הימעל מיט א שעהן גיזאנג. און איינער פון די מלאכים איז צו גיגאנגען צו אינזער זוהן און ער האט איהם אהנגעטוהן אויף זיין קאפּ א קרוין וואס זי האט געלאכטען אזוי ווי די זוהן און מיטען טאג. און ער האט אויסגערופען מיט א הויך קול אזוי טוהט מען דעם וואס דער מלך העולם וויל און זיי טייערונג דאס הייסט ער וויל איהם געבין כבוד. פון דעם קול פון דעם מלאך האב איך זיך אויף געכאפּט און עס איז דאך א חלום. דאך גלייב איך אז דער חלום איז ניט קיין ליגינדער חלום. אינזער זוהן וועט ניט שטארבען פון דער שלאפקייט נאר ער וועט לעבען לאנג און ער וועט זיין בעווּסט אויף דער וועלט מיט זיין גרוסקייט. גאט איז גירעכט און זיין משפט איז גרעכט האט בילא דעם רבי'ס ווייב גיענטפערט און זי האט מיט א פרייליך הארץ געקוקט אויף איהר קינד וואס איז געשלאפען רוהיג אויף דעם בעט דאס איז דאך א סימן פון בעסערונג. און דער פריה איז דער דאקטער אריין געקומען און ער האט בעטראכט דאס קינד. (דער דאקטער איז גיוועזען א יוד) און ער האט אויף געהויבען זיינע העגד צום הימעל און האט געמאכט א ברכה מיט א הויך געשריי „ברוך רופא חולים״ געלויבט איז גאט וואס ער היילט שלאפע. און ער האט מבשר גיוועזען די בשורה צו די עלטערין אז דאס קינד וועט באלד געזינד ווערען:

הנם דער רופא האט מבטיח גיוועזען די עלטערין פון דעם קינד אז דאס קינד וועט באלד געזינד ווערען אין יעצט זענען זיינע רייד ניט מקוים געווארען זיין געזינד ווערען האט געדויערט א גאנץ לאנגע צייט פון עטליכע חדשים ביז ער האט גיקענט אראב געהן פון בעט און ביז וואנען ער איז אראב גיגאנגען פון בעט האט איהם די דיענסט מארגאריטא איהם אבגעהיטען זי האט איהרע אויגען ניט אראב געלאזט פון איהם זי האט קיין רגע פון איהם ניט אבגיטרעטען. צייט דער גלח האט איהר איין געריימט א סוד ווען זי האט זיך פאר איהם מתודה גיוועזען און זי האט איהם דערציילט איהרע שמערצען וואס זי האט פון דעם קינד האט זי נאך מעהר געהיטען דאס קינד ווי פריהער. זי האט ניט געלאזט קיין

מענטש

מענטש ער זאל בעדינען דאס קינד. זי האט אפילו די עלטערין אויף ניט בעלאזט צו געהן צו דעם קינד נאר זי אליין האט איהם בעדינט בייטאג און ביי נאכט עס איז פאר איהר ניט שווער געוועזען קיין שום ארבייט אויב זי האט נאר גירעכענט אז עס וועט זיין א טובה פאר דעם קינד. דער רב מיט זיין ווייב האבען בעדויערט די דיענסט וואס זי ארבייט שווער ביי דעם קינד. זייא האבען גירעכינט אז זי ארבייט וויל זי איז טריי איהר בעל הבית. זיי האבען אבער א טעות געהאט זי האט געארבייט ביי דעם קינד צוליעב א צווייטע זאך וויל בעת זי האט דערצעהלט דעם גלח אז זי האט שטארק ליעב דאס קינד. און איהר הארץ טוהט איהר וועה וויל דאס קינד וועט נאך זיין טוידט פערפאלען ווערען אין גיהנם: האט איהר דער גלח איין געריימט און אויער אריין אז זי זאל אויף איהם שפריצען דאס הייליגע נוצרישע וואסער דאס וואסער וועט איהם מציל זיין פון דעם גיהנם. די דיענסט האט געפאלגט דעם גלח און זי האט אלעס געטוהן וואס ער האט איהר געהייסען:

יעצט אז דאס קינד האט אהנגעהויבען געזינדטער ווערען האט זי געגלייבט אז דאס הייליגע וואסער האט איהם געהיילט און דאס קינד וועט שוין זיכער בלייבען לעבען. לכן האט זי בעשטימט ביי זיך אז דאס קינד איז איהר און קיין מענש האט ניט רעכט צו בעפעהלען אויף דעם קינד נאר זי. זי האט זיך אזוי טיעף פערטראכט און דעם געדאנק און זי האט שוין גירעכענט און געטראכט ווי אזוי אב צו ראטעווען דאס קינד און עס ארויס נעמען פון זיינער עלטערין און זי זאל עס אויף האדעווען אויף דער קאטולישע אמונה:

און ערשטען טאג ראש השנה האט געגליקט מעשה שטן זי זאל קענען ארויס ברענגען איהר געדאנק ווירקליך. וויל דאמאלסט איז דאס גאנצע הויז געזינד פון רב געגאנגען און שוהל אריין דאווענען נאר דער קליינער שלאפער אלחנן איז גיבליבען אין דער היים מיט דער דיענסט מארגאריטא. דאמאלסט האט זי געקענט ווירקליך טוהן וואס זי האט גירעכענט זי האט גיעפענט די טהיר און הויף אריין און צוויי מענשען זענען אריין געקומען און שטיב אריין און זיי האבען געחאפט דאס קינד און זיי האבין איהם פערשטאפט זיין מויל און זיי זענען אנטלאפען מיט דעם קינד. נאך דעם האט דער דיענסט זייער באנק געטוהן אויף דער ווילדער מעשה וואס זי האט געטוהן צו איהר בעה"ב וואס זיי האבין איהר ביז יעצט געגעבין עסין און אלע איהר הצטרכות אויף דעם גאנצען גיטס וואס זיי האבען איהר געטוהן במשך די צייט וואס

זי

זי איז בייא זייא געוועזען, יעצט זאָל זי זייא טוהן אזא שלעכטס זי זאָל זייער קינד אוועק געבען צו פרעמדע מענשען, זי האָט שטאַרק חרטה געהאַט אויף דעם זי האָט זיך אנידער געוואָרפען אויף דער ערד און זי האָט זיך געריסען די האָר פון קאָפּ און זי האָט גישאָלטען די רגע וואָס זי איז און איהר געבאָהרען געוואָהרען און די רגע וואָס עס איז איהר אויף געקומען אויף דעם געדאַנק צו טוהן אזא זאַך. תיכף איז איהר אָבער געקומען אויף דעם רעיון און עס האָט זיך איהר פאָר גישטעלט אז אלחנן האָט געמאַכט אגרויסען שרייט און דעם גלח׳ישען לימוד אין ער איז שוין איינער פון די הייליגע וואָס א המון רב ביקען זיך צו איהם טראַכטענדיג דעם רעיון איז איהר פנים פריילך געוואָרען אָבער תיכף חרטה געהאַט אויף דער ווילדער מעשה וואָס זי האָט געטוהן און א טייך טרערען האָט זיך גיגאָסען פון איהר אויגען אָהן א אויפהער:

שטיל און רוהיג איז זיך דער רב ר׳ שמעון מיט זיין ווייב אהיים געגאַנגען פון שוהל גאַנץ פריילך זיי האָבען ניט געוויסט פון זייער אומגליק וואָס זיי האָט דאָ געטראָפען. אָבער אַריינקומענדיג און שטיב אריין אז זיי האָבין דערזעהן אז זייער קינד איז ניט דאָ זיי האָבען זיך געלאָזט צו געהן צו דער דינסט זי פרעגען ווי דאָס קינד איז אָבער צו זייער גרויס אומגליק האָבין זיי גיטראָפען זייער דינסט ליגען אויף דער ערד און וויינען איהרע האָר פון קאָפּ זענען אויסגעריסען איהר פנים צוריסען מיט גרויס איילינגעש און מיט גרויס אומגעדילט האָט די מוטער גיפרעגט ווי איהר קינד איז ווי ער איז געגאַנגען זי זאָל איהם קענען זוכען? די דינסט האָט אָבער גאָר ניט גיענטפערט נאָר איהרע אויגען האָבין ארויס געשיינט און זי האָט געשוויגען מיט אווילד געלעכטער ווי א משוגעת. די מוטער האָט געמאַכט אגוואַלד צו איהר געשריי זענען זיך צו זאַמען געקומען די שכנים מען האָט געזוכט דאָס קינד מען האָט געשריגען אלחנן אלחנן זיי האָבען גערעכענט אפשר שלאָפט ער און וועלכען ווינקעל און ער וועט הערען זייער קול וועט ער זיך אהנרופען זייער גאַנץ זוכען איז אָבער געוועזען אמזוסט אלחנן ענטפערט ניט דער דאָקטער רבי נתן וואָס ער איז גערופען געוואָרען ער זאָל בעטראַכטען די דינסט האָט ער געזאָגט דאָס עס ווייזט זיך און איהר צייכענס פון שגעון ער האָט זי געהייסען לייגען אויף דעם בעט אין מען זאָל זי לאָזען רוהע אפשר זי וועט ליגען רוהיג אַצייט וועט זי געזונד ווערען וועט מען קענען פון איהר געוואָהר ווערען וואָס מיט דעם קינד איז געשעהן

די צוויי נוצרים וועלכע האָבען אַרויס געכאַפּט דאָס קינד פון זיינע עלטערינס שטיב האָבען זיי דאָס קינד געבראַכט און נוצרישען בית מקלט אַריין דאָרט ווי אַלע היילגע נוצרים וואָס זיי זענען מקדיש זייערע יאָהרען צום היילגקייט. דאָס קינד וואָס איז נאָך ניט געוועזען און גאַנצען געזינד בעת ער האָט זיך אומגעקוקט אַז ער געפינט זיך און אַ הרעמדע שטיב ניט ביי זיינע עלטערין און שטיב. ער האָט זיך געבעטען ביי דעם בעדינער פון דעם בית מקלט אַז ער זאָל איהם אָב פיהרען צו זיינע עלטערין דאָס ער בענגט זייער צו זיינע פאָטער און מוטער. ער קען אָהן זיי קיין איין טאָג ניט לעבען זיין בעטין און ווינען איז אָבער געוועזין אומזיסט עס האָט איהם קיינער ניט געהערט. דער גלח טומאט וואָס ער איז געוועזען דער מנהל פון דעם הויז האָט זיך שטאַרק בעמיהט דאָס קינד געזינד צו מאַכין און איהם מאַכען פערגעסען פון זיינע עלטערין. איז איהם תיכף ניט געלונגין וויל פון בענגשאַפט איז ער דאָס צווייטע מאָהל קראַנק געוואָרען און ער איז געוועזען געפעהרליך קראַנק אַז ער איז געווען אַראָב פון געדאַנק. ווען ער איז דאָס צווייטע מאָהל געזינד געוואָרען מיט דער מוה וואָס די משגיחים האָבען אויף איהם אַכטונג געגעבען עס איז פאַר זיי קיין שום זאַך ניט שוועהר געוועזען צו טוהן פאַר דעם קינדס וועגען. דאַמאָלס ווען ער איז שוין געזינד געוואָרען האָט ער שוין פערגעסען וואָס מיט איהם איז געוועזען ער האָט פערגעסין פון זיינע עלטערין ער האָט ניט געוויסט ווער זיינע עלטערין זענין. ווי ער איז געקומען צום געדאַנק און ער האָט געזעהן דעם גלח טומאס שטעהן לעבין איהם און ער רעדט מיט איהם גיטע רייד האָט ער איהם גירעכינט פאַר זיין פאָטער. און ער האָט איהם געפאָלגט וואָס ער האָט איהם געזאָגט און ער איז ניט אַראָב גיגאַנגען פון זיין בעפעהל קיין האָר. און ער האָט איהם געריפען פעליקס. און ער האָט איהם געשיקט קיין במברג און בית מקלט אַריין כדי זיינע עלטערין זאָלען ניט געוואָהר ווערין ווי ער איז. און די היילגע גייסליכע האָבען מיט איהם גילערינט די געהעריגע זאַכען וואָס אַ היילגער דאַרף וויסען. זיי האָבען זיך פערוואונדערט אויף זיין פעהיגקייט און אויף זיין פעהיגען זכרון. און ווען ער איז אַלט געוואָהרען זיבען יאָהר האָט ער שוין גיקענט די לאטיינישע שפּראַך ריידען און שרייבען גלייך ווי אלע גילערינטע פון דעם מקלט אז די לערנערס פון דעם בית מקלט האָבען שוין ניט גיקענט מיט איהם לערנען. האָט מען איהם אַ וועק געשיקט קיין רוים ער זאָל זיך דאָרט לערנען די גרויס למודים וועלכע זיי געהערען צו איהם לויט זיין פעהיגקייט. און יעדער איינער האָט זיך

פערווינדערט

פערווינדערט אויף זיין פעהיגקייט. ווער עס האט איהם גיזעהן האט זיך בעווינדערט אויף זיין שעהנקייט און וואהל טעטיגקייט. ער איז איבער גישטיגען אלע זיינע חבירים. דער פויפס פון רוים איז געוואהר געווארען פון איהם ער האט איהם געהייסען ברענגען צו זיך ער זאל איהם פריווען צו איז ער טאקי אזוי פעהיג. ער האט ג ב ר גיזעהן אז מען האט איהם אפילו קיין הלפט ניט געזאגט פון זיין פעהיגקייט וואס ער האט גיזעהן און איהם. ער האט גיזעהן אז דאס קינד איז געבארען צו גרויסקייט און ער האט איהם שטארק ליעב געהאט. ער האט געהייסען דעם גרויסען גלח העלדי בראנד אז ער זאפ אויף איהם אכטונג געבען און ער זאל מיט איהם לערנען לויט זיין געדאנק וועט פערנעמען. דער גלח וואס ער איז גיוועזען א גרויסער חכם האט ערפיהלט זיין בעפעהל און ער האט מיט אלע קרעפטען זיך בעמיהט אריין צו ברענגען קענטניעס און דעם יונגען קינדס הארץ אריין און מען זאל איהם אויף הייבען אויף דעם הויכען שטאפעל פון קענטעניס. אמת זיין מוה איז ניט גיוועזען אויף לעהר דאס פלייסיגקייט פון דעם קינד האט איהם געבראכט צו גיטע לעהרע און ער איז איבער געשטיגען אלע זיינע חבירים זיין נאמען איז גיוועזען בעוויסט אויף דער גאנצער שטאדט רוים. און ער איז גיוועזען גירעכענט צווישען די גרעסטע פון רוים. ווען דאס קינד פעליקס איז אלט געווארען אכצען יאהר איז דער פויפס פון רום געשטארבען און זיין לעהרער העלדי בראנד איז געווארען פויפס און זיין תלמוד פעליקס איז געווארען איינער פון די וואס זיצען לעבען פויפס:

און דער זעלבער צייט האט אויסגעבראכען א קריג צווישען דעם פויפס און די אייראפעשע מלאכים וואס ביז יעצט זענען זיי גיוועזען נכנע אינטער דעם פויפס און וואס ער האט געזאגט איז הייליג זיי זענען ניט אראב געגאנגען פון זיין בעפעהל קיין טריט. האבען זיי יעצט געוואלט אראב ווארפען פון זיך דאס הערשאפט פון פויפס. וויל דער פויפס האט געוואלט נאך שטארקען זיין הערשאפט אויף מלכים פון אייראפע מיט א שטרענגע מאכט. אז עס זאל ניט ווערען געטוהן קיין זאך אהן זיין ערלויבעניש. און כדי ער זאל ארויס ברענגען זיין בעפעהל. ווירקליך האט ער ארויס געשיקט זיינע אגיטאטארען און אלע נוצרישע לענדער זיי זאלען אגוטירען דעם המון צו זיין הארכזאם צו זיינע בעפעהלען און קיין שום זאך זאל ניט שטעריין זיינע בעפעהלען לכן האט ער באלד און דער ערשטער אטיפה וואס איז גיוועזען און רוים תיכף און דעם ערשטען יאהר וואס ער איז געווארען פויפס ארויס גינעבען א בעפעהל אויף די אלע קטולישע גלחים אז זיי זאלען ניט

נעמען

נעמען קיין ווייבער זיי זאלען זיין לעדיג צו זייער ארבייט די פאמיליע לעבען זאל זיי ניט שטערין זייער ארבייט. וויל ביז יעצט האבען זיי גינומען נעמין ווייבער און האבען קינדער און לעבען א פאמיליע לעבען :

**זעלבם** פערשטענדליך איז די גזירה ניט געוועזען איינגינימען די גזירה האט אהנגעמאכט אגיוואלטיגען רעש אויף דער וועלט איבער הויפט צווישען די גלחים איז געוועזען אגרויסער רעש די גלחים האבען זיך אקייגען געשטעלט אקעגען די גזירה פיהל גלחים האבען זיך פעראייניגט און האבען ביי זיך אב געפאסט ניט צו פאלגען דעם פויפס. דער פויפס האט אבער געוויסט ווי אזוי אויס צו ארבייטען א וועג און זיך געבען אעצה ווי אזוי די גלהים זאלען איינשטימען אויף דעם בעפעהל . און ער האט ארויס געגעבען א אויפריף דאס די וועלט איז נאר א פעדער הויז צו יענער וועלט וואס יענע וועלט איז פערהוילען פון יעדען לעבעדיגען מענש און דער מענש וואס ער וויל זיך אויסלייזען פון גיהנם דארף ער זיך דערווייטערין פון אלע תענוגי עולם הזה נאר מיט תשובה ותפלה וצדקה זאל ער פערברענגען זיינע יאהרען דאמאלט וועט איהם גוט זיין אויף יענער וועלט. מיט דעם אויפריף האט ער צו געצויגען צו זיך די הערצער פון די גלחים וואס זיי זענען געשטאנען איהם א קייגין און ער האט איינגעווארצעלט דעם בעפעהל צווישען צעהן טויזינדטער גלו״ם ביז דעם היינטיגען טאג טויזינדטער גלחים וואס זיי האבען געהאט ווייבער און קינדער און זיי האבען פערזיכט דעם פערגיניגען פון א פאמיליע לעבין זענען גיוועזען געצווינגען זיך צושיידען מיט זייערע ווייבער און זיך אב שיידען פון זייערע קינדער און צו לעבען א בעזונדער לעבען גלייך ווי ארעסטירטער. אמת פיהל פון זיי האבען עס ניט געטוהן מיט זייער ווילען נאר זיי האבען מורא געהאט טאמער וועט דער פויפס זיי אראבווארפען פון זייער שטיל וועלין זיי בלייבען אהן פרנסה. דאך איז נאך געליבען צענדליגער טויזינדטער גלהים פון פערשידינע לענדער וואס זיי האבען ניט געוואלט זיך אינטער בייגען אינטער דעם פויפס בעפעהל. איבער הויפט האט זיך געפינען פיעהל גלחים און דייטשלאנד וואס האבען ניט געוואלט אהנעמען דעם בעפעהל. דער פויפס האט אבער גיט געוויסט אז פון זיין בעפעהל וועט ניט געמינערט ווערען קיין האר. ער האט גיט פערשטאנען אז ער וועט מנצח זיין זיינע געגענערס ביסליכווייז. האט ער אביסעל געווארט ביז דער רעש וועט אביסעל שטילער ווערען. דער רעש איז אביסעל שטילער געווארען האט ער ארויס געשיקט זיינע שליחים אויף דער וועלט צו צו בייגען זיינע געגענערס צו זיין בעפעהל :

פאר

פאר איינים פון די שליחים איז אויסגעוועהלט געווארען דער יונגער גייסטליכער פעליקס קיין דייטשלאנד אויף איהם האט דער פויפס זיך פערזיכערט אז ער וועט פעהיג זיין צו דעם און ער וועט איהם דינען טריי און ער וועט צו ציהן די הערצער פון די געגענערס צו דעם פויפס בעפעהל וויל ער האט גיקענט זייער שעהן ריידען און מיט זיינע רייד האט ער גיקענט די צו הערער בייגען און וואס פאר א זייט ער האט געוואלט. פעליקס האט ערפיהלט זיין שליחות מיט טריי־הייט און ער האט זיך אויסגעצייכנט מעהר פון אלע שליחים. ווי ער איז געקומען האט ער זיך בעמיהעט צו שטעלען דעם צייכען פון דעם פויפס געגענערס ער האט זיי ערקלעהרט און זיי אויסגעוויזען פאקטיש ווי ווייט עס וועט דערהויבען ווערין די קטולישע אמונה אויב די מלכים וועלען זיין הארכזאם צו דער אמונה און זיי וועלען שטעהן אינטער איהר פאהן און זיי וועלען פאלגען איהרע בעפעהלין און ער האט אויך אויסגעוויזען פאקטיש ווי גרויס דער חוב פון די גלחים איז אז זיי זאלען זיין אבגעשייט פון תענוגי עולם הזה און זיי זאלען זיך נאר בעשעפטיגען מיט אמונה ודו' זיינע רייד האבין געווירקט אויף אלע צוהערער נאך מעהר ווי דער פויפס אליין האט גירעכינט. אלע שרים און גלחים פון דייטשלאנד וועלכעס זענען גיוועזען טריי דעם פויפס האבין געשריבין צום פויפס אז ער זאל גיט בעלאהנען דעם יונגען שליח פעליקס וויל ער האט געווירקט מעהר פון אלע שלוחים. דער פויפס האט טאקי גצוויסט ווי אזוי צו בעצאהלען זיין בעגליבטען שליח וואס ער האט גיקעמפט פאר זיינים וועגין מיט זיין גאנץ הארץ אין ער האט איהם טאקי גיט בעלאהנט פאר זיין ארבייט :

אויך און דער מלחמה וואס האט אויסגעבראכען צווישען דעם פויפס מיט דעם קיסר היינריך דער פערדער דער קיסר פון דייטשלאנד וואס ער האט ניט געוואלט זיין אונטער טעניג אונטער דעם הערשאפט פון דעם פויפס. און דער פויפס האט אויף איהם אויסגערופען א חרם וויל ער האט געהייסען א פערשווערער פון דעם קטולישען דת. דאמאלס האט פעליקס זיך גענימען צו דער ארבייט און איז געפארען קיין דייטשלאנד און מיט זיינע רייד האט ער צו זיך צו געצויגען די אלע הערצער פון די שרים און ער האט זיי אהן גירעדט אז זיי זאלען אוועק טרעטען פון זייער קיסר היינריך און זיי זאלען זיך בעהעפטען און דעם הייליגען פויפס. זיינע רייד האבען ביי זיי געווירקט אז זיי האבען גלאזט שטעהן זייער קיסר אויף דעם שלאכטפעלד אליין. זיינע אלע פריינד זענען פון איהם אוועק און די שווערד

פון

פון פויפס מיליטער האָט געזיגט כמעט ער איז געוועזען און גיפענגיניש ער האָט זיך געמוזט אונטער געבין דעם פויפס און ער איז געפאָהרין קיין רום צים פויפס איהם בעטען אז ער זאָל איהם אַראָב נעמען דעם חרם וואָס ער האָט אויף איהם אויס גערופען און ער האָט זיך אונטער געגעבין אונטער זיין הערשאַפט. אַזוי האָט דער פויפס מנצח געוועזען זיין שטאַרקען געגענער מיט דער הילף פון זיין פריינד און תלמיד פעליקס. פאַר דעם האָט דער פויפס פליקסען געמאַכט פער (אחשמן) ביסגאָב אין ברונשוויג ער איז דאַמאָלסט אַלט געוועזען פונף און צוואָנציג יאהר:

הַנֵם דער קיסר היינריך האָט צו געשוואָהרען דעם פויפס אַז ער וועט זיין נכנע אונטער איהם און כל זמן ער וועט לעבען וועט ער זיך ניט אַקייגען שטעלען אַקייגען איהם. זאָך האָט ער געזוכט עצות ווי אַזוי ער זאָל פון זיך אַראָב וואַרפען דעם עול פון דעם פויפס און ער זאָל זיין פריי פון איהם. און ער האָט בעקומען אַריכטיגע צייט. ער האָט איינגעזאַמעלט זיין מיליטער וואָס ער האָט געוויסט אַז זיי זענען איהם טריי און ער האָט זיך געשלאָגען מיט דעם קיסר רודולף דער קיסר פון שוועבען וואָס ער איז געוועזען דעם פויפס אַפריינד און איז מיט איהם געוועזען פערבינדען. דער קיסר היינריך האָט געזיעגט און ער האָט איין גינימען דעם קיסר רודולף ווי דער פויפס האָט דער הערט די טרויעריגע בשורה איז ער שטאַרק טרויעריג געוואָרען דאָס זיין בעסטער פריינד וואָס האָט שטענדיג גיקעמפט פאַר איהם איז יעצט בעזיעגט געוואָרען. ער האָט שוין מורא געהאַט פאַר זיך זיינע פריינד האָבין איהם געטרייסט זיי האָבען איהם געזאָגט אַז זיי וועלען ניט רוהען ביז זיי וועלען דעם קיסר היינריך אַראָב זעצין פון דער שטוהל און זיי האָבען זיך איינגעזאַמעלט אַגרויס פערזאַמלונג קיין רגנשבורג צו קלעהרען וואָס מען זאָל טוהן. צו דעם פאַר זאַמלונג איז פעליקס אויך גערופען געוואָרען:

פַאהֶרֶענְדִיג איז פעליקס געפאָהרען פון ברונשוויג קיין רגנשבורג האָט זיך פליצלונג פערהאַלטען זיין קאָטש ניט וויַט פון רגנשבורג ווי ער האָט אַרויס געקוקט פון דער קאָטש האָט ער געזעהן אַיוד ליגט אויף דער ערד און דאָך דעם קען ער ניט פאָהרען ווייטער. האָט ער גיפרעגט דעם יוד וואָס ער פערלאַנגט האָט איהם דער יוד גיענטפערט מיט אַגעוויין וועלכעס עס האָט גילעכערט דאָס האַרץ. האָט רחמנות אויף מיר היילעגער פאָטער און זייט מציל מיין איינציגע טאָכטער פון די הענד פון ראָבערס איך הייס משולם און איך וואָהן אין רגונשבורג נאָר מיינע געשעפטען האָבין

מיך צו מיין ●ומגליק געפיהרט קיין במבורג גייענדיג אויף דעם וועג בעזאַמען מיט מיין איינציגע טאָכטער רחל האָבען זיך אויף אונז געוואָרפען די קנעכט פון שר פון רוטשטיין און זיי האָבען פון מיר אַוועק געריבט מיין טאָכטער. שוין אַכט חדשים וואָס איך קלאַפ און די טהירען פון די בעריכטען מען זאָל מיר אָב געבען מיין גזילה וואָס מען האָט ביי מיר צו גענזלת. עס הערט מיך קיינער ניט מיט דעם זעלבין וואָס איך גיה מיט דעם זעלבען קום איך צוריק. נאָר אויף דעם חסד פון מיין גרויסען האַר לעהן איך זיך אָהן ער זאָל מיר זיין אַ מאלך מושיע און ער זאָל מיר אָב געבען מיין טאָכטער, דעם ביסגאַפ פעליקס האָט זייער בענימען דאָס רחמנות אויף דעם יוד און ער האָט איהם אויף גענימען אויף דער קאָטש כדי ער זאָל פון איהם דייטליך הערען וואָס דאָ איז געשעהן:

דער שר פון רוטשטיין איז געוועזען פון קיסר היינריקס פריינד און ער איז געוועזען און כעס אויף דעם שר פון רגנשבורג וואָס ער איז גראַדע געוועזען אַ אוהב יהודים. נאָר וויל דער שר פון רגנשבורג איז געוועזן טרוד און וויכטיגע ענינים ווי אַזוי צו פערהיטען דעם כבוד. פון פויפס ער זאָל ניט פערשוועכט ווערען דורך די שלעכטי מענטשען האָט ער ניט געהאַט קיין געדילדט זיך אָב צו געבען צו דעם יוד און ער זאָל איהם זיין ביי הילפיג. אָבער דער ביסגאַפ פעליקס האָט דעם יוד צו געזאָגט אַז ער וועט ניט רוהען ביז ער וועט איהם טוהן וואָס ער וועט קענען ביז ער וועט איהם אָב געבען זיין צו גערויבטע טאָכטער:

אויף דעם פערזאַמלונג ארגנשבורג האָבען זיך איינגעזאַמעלט פיהל גלחים און שרים פון גאַנץ דייטשלאַנד און פעליקס איז געוועזען דער פאָרזיצענדער און דער מעהרסטער רעדנער און דאָס פערזאַמלונג האָט בעשטומט אַז מען זאָל זיך נוקם זיין און דעם קיסר היינריך וואָס ער פערשוועכט דאָס הייליגקייט פון פויפס און מען זאָל איהם פערניכטען. און זיי האָבען צו זאַמען גענימען אַ גרויסע אַרמע און זיי האָבען מיט איהם געהאַלטען מלחמה און זיי האָבען איהם בייגעקומען און פעליקס האָט אָב גיגעבען דעם יוד פון רגנשבורג זיין טאָכטער רחל:

פון רגנשבורג איז פעליקס געפאָהרען קיין במברג. ווי גרויס איז געוואָרען די פרייד פון די גייסטליכע פון במברג אַז זיי האָבען דערזעהן דעם יונגען ביסגאָב פעליקס איז געקומען בעזיכען זייער גייסטליך הויז און ער זאָל זיך זעהן מיט זיין ערשטען רביין זיי האָבען אָבער אַ טעות געהאַט מיט זייער מיינונג. שוין אַ לאַנגע צייט האָט ער געוואָלט וויסען ווער זיינע עלטערין

עלטערין זענען און פון וואַנען ער קומט אַרויס. דער געדאַנק האָט איהם ניט געלאָזט שלאָפען, ע"כ אַזוי ווי ער איז געקומען און דעם גייסטליכען הויז אַריין איז ער באַלד גלייך צו גיגאַנגען צו זיין ערשטען רבי'ן אפשר וועט ער קענין פון איהם געוואָהר ווערען, און ער האָט צו איהם געזאָגט מיין טייערער רבי איך בעט אייך איהר זאָלט מיר ניט לייקינען נאָר איהר זאָלט מיר זאָגען דעם אמת ווער האָט מיך אַהער געבראַכט צו אייך ווען איך בין נאָך גיוועזען אַ קינד ? דאָס געדענק איך אַז ווען איך בין אַלט גיוועזען זיבין יאָהר האָט איהר מיך געבראַכט קיין רום אָבער ווער עס האָט מיך אַ הער געבראַכט צו אייך ווייס איך ניט און דאָס וואָלט איך געוואָלט וויסען:

אַדוני יקירי מיין טייערער הער האָט דער גייסטליכער גיענטפערט דער מענטש וואָס ער האָט דיך אַהער גיבראַכט איז אַזאַ גייסטליכע ווי איך און ער וואָהנט און מגנצא זיין נאָמען איז טומאס. אָבער פון וואַנען ער האָט דיך גענימען דאָס קען איך דיר ניט זאָגען ווייל איך ווייס עס אויך ניט. ער האָט מיר דאָס ניט געוואָלט זאָגען. ער האָט נאָר מיר געזאָגט אַז דיין פאָטער איז אַ גרויסער חכם און אַ גיערליכטער מאַן ביי זיין פאָלק. דעם נאָמען מיט דער פאַמיליע האָט ער פערהוילען פון מיר. טרויעריגע וואָלקענעס און אַ אימווטיגער געשטאַלט האָבען בעדעקט זיין פנים ער האָט גיזעהן אַז זיין האָפינונג וואָס ער האָט געהאָפט אַז דאָ און במבורג וועט ער געוואָהר ווערען ווער ער איז. איז אַ פאַלשער. דער געדאַנק אַז ער וועט בלייבען אָהן עלטערין און אָהן פאַמיליע האָט איהם טרויעריג געמאַכט ער האָט ביי זיך בעשלאָסען אַז ער זאָל ניט רוהען ביז ער וועט זיך דערוויסען פון וואַנען ער קומט אַרויס. ער האָט ביי זיך אָבגעפאַסט אַז ער זאָל פאָהרען קיין מגנצא אפשר וועט ער ביי דעם גייסטליכען טומאס געוואָהר ווערען פון וואַנען ער קומט אַרויס. ער האָט אָבער דערהאַלטען אַ בריעף פון פויפס אַז ער זאָל תיכף קומען קיין רום:

דעם פויפס הצלחה האָט זיך איבער געריקט צו דעם קיסר היינריך זיין געגענער און ער האָט ווייטער מלחמה געהאַלטען מיט איטליא מיט רוים דאָרט ווי דער פויפס האָט גיוועלטיגט האָט דער קיסר היינריך זיך געשטאַרקט און איז אַריין קיין רוים און דעם פויפס שטאָדט ווי ער וואָהנט נאָר דער פויפס איז פריהער אַנטלאָפען קיין ענגעלסבורג ער זאָל זיך דאָרט בעשיצען פון זיין נאָך יעגער. דער קיסר היינריך האָט אָבער ניט גערוהט און ער האָט איהם נאָך געיאָגט ביז ענגעלסבורג און ער האָט בעלעגערט

די שטאָדט און ער האָט געוואָלט נעמען דעם פויפס אין גיפענגניש עס איז אָבער דעם קיסר היינריך ניט געלונגען ווייל איידער ער איז נאָך געקומען לעבען ענגעלסבורג איז געלונגען דעם שר רוברט דעם שר פון נעמנדיאה מציל צו זיין דעם פויפס פון שלעכטס וואָס עס האָט געוואַרט אויף איהם. און ער איז מיט איהם אַנטלאָפען קיין סלירנא. דאָס איז דאָך זעלבס פערשטענדליך אַז בעת דער קיסר האָט איינגענומען די אַלע לענדער וואָס זיי האָבען גיקעהרט צום פויפס און ווי ער האָט זיך גיקעהרט האָט ער מצליח גיוועזען און ער האָט צו קלאַפט די אַרמע פון פויפס און דער פויפס האָט געמוזט זיין פערטריבען און אַ פרעמד לאַנד און זיינע פערמעגענס זענען בערויבט געוואָרען. האָבין איהם זיינע אינטערטענער איהם אָב געלאָזט און זיי זענין צו געשטאַנען צום קיסר היינריך. נאָר זיין תלמוד פעליקס מיט נאָך עטליכע זיינע פריינד זענען גיוועזען מיט דעם פויפס און זיי האָבען איהם ניט אָבגעלאָזט זיי האָבען גענימען איין איינטהייל און זיינע שמערצין און זיין טרויער האָט איהם געלייגט און בעט אַריין און ער איז קראַנק געוואָרען און ער איז פון דער קראַנקהייט געשטאָרבען. פאַר זיין טוידט האָט ער געזאָגט פון מיין יוגענט ביז יעצט האָב איך ליעב געהאַט מיין דת און מיין גאַנצע אַרבייט איז נאָר גיוועזען איך זאָל איינוואָרצלען די אומות אויף דער גאַנצער וועלט און יעצט מיז איך שטאַרבען אויף פרעמדע ערד ביי דיזע ווערטער איז ער געשטאָרבען. נאָך זיין טוידט איז פעליקס געוואָרען פויפס ווייל אַזוי איז גיוועזען דער רצון פון פויפס פאַר זיין טוידט און אויך די אַלע גרעסטע שרים און גייסטליכע האָבען בעשטעטיגט צו קריינען איהם אַלעס פויפס ער זאָל זיין אַ פאָטער צו דער נוצרישע אמונה און אלחנן בן רבינו שמעון דער רב פון מגנצא דער בעל הפיוט איז געוואָרען פויפס אין רוים מיט דעם נאָמען וויקטור דער דריטער׃

הנה דער יונגער פויפס וויקטור איז און אַזאַ קורצע צייט אַרויף אויף אַזאַ הויכע מדרגה אַז מלכים וואַרטען אויף זיינע רייד און וואָס ער זאָגט היטען זיי אָב. דאָך האָט ער ניט גיקענט רוהען ביז ער זאָל ער געוואָהר וואָרען פון וואַנען ער קומט אַרויס. ער האָט זיך פערטיעפט און זיין לערנען די ספרי פילוסופיא און ער פלעגט אָפט צו לערנען תנ״ך אויף לשון הקודש ער האָט זייער געהאַט פערגעניגען פון דעם לימוד פון דער ריינע איידילע שפראַך. ניהל מאָהל איז איהם אויף געגאַנגען אויף זיין רעיון פאַר וואָס דאַרף איך זיך מאַטערען מיט אַזעלכע זאַכען וואָס זיי זענען פערהוילען פון יעדען איינים אַז איך וויים ניט דאָס וואָס יעדער איינער ווייסט ווי אַזוי זאָל

איך

איך וועלען וויסען און קומען צו געטליכע זאכען און איך זאָל אויף דעקען געטליכע סודות אַז אַזאַ קליינע זאַך זאָל איך ניט וויסען און איך זאָל ניט קענען דער געהן פון וואַנען איך קום אַרויס. איך וועל שרייבען אַבריף קיין מגנצא אַז דער גייסטליכער טומאַס זאָל צו מיר קומען און איך זאָל ביי איהם געוואָהר ווערען פון וואַנען איך קום אַרויס:

און עטליכע טעג אַרום ווען דער פויפס איז געזעסין פערטיעפט און די געדאַנקען און גיקלעהרט ווי אַזוי ער זאָל דער געהן ווער ער איז. איז אַריין געקומען זיין משרת צו איהם און ער האָט איהם געמאָלדען אַז אַ אלטער גייסטליכער איז געקומען און ער וויל זיך מיט איהם זעהן. ווי אַזוי הייסט ער און פון וואַנען איז ער? האָט גיפרעגט דער פויפס. זיין נאָמען איז טומאַס ער איז דער עלצטער גייסטליכער פון מגנצא האָט גיענטפערט דער משרת. רוף איהם אַריין האָט דער פויפס געזאָגט. נאָר איך זאָג דיר אָהן אַז די זאָלסט קיינעם ניט אַריין לאָזען און שטיב אריין אין דער צייט וואָס דער גייסטליכער וועט ביי מיר זיין.

מען קען זיך ניט פאָר שטעלען די שמחה וואָס האָט גיהערשט ביי דעם אַלטען גייסטליכען בעת ער האָט דער זעהן דאָס געשטאַלט פון דעם פויפס שוין זעקס און צוואָנציג יאָהר צייט ער האָט געהייסען אַרויס גנבינען דאָס קינד אלחנן פון פיר יאָהר פון זיינע עלטערין אַוועק רויבען פון יודשען דת וואָס ער איז און איהם נעבאָהרען געוואָרען כדי ער זאָל ברענגען אַ ברכה צו דעם נוצרשען דת. און יעצט וואָס זעהן זיינע אויגען ווער האָט זיך אַמאָהל פאָר געשטעלט אז אַזאַ קינד וואָס ער האָט ניט געוויסט פון קיין לעבען זאָל ארויף געהן ביז צום הימעל און ער זאָל זיצען אויף דעם פויפס שטיהל מיט אַקרוין אויף דעם קאָפּ און ער זאָל דאַרפען פאַר איהם שטעהן באימה וביראה אַזוי ווי אַקנעכט פאַר זיין האַר אַ ציטערניש האָט איהם אָהגגענימען בעת ער האָט אָנהגעריהרט די פיס פון דעם פויפס ער זאָל זיי קישען. ער איז געשטאַנען אַזוי ווי אַפערשלאָפענער מענש וואָס ער האָט פערלאָרען זיינע געדאַנקען. און ער איז געוועזען שטיל פון פיעל שטאָרם און פרייד. דער פויפס האָט דערקענט און זיין פנים לויט ווי ער שטעהט פאַר איהם מיט דרך ארץ און זיין פנים דערקענט מען אַז פערשידינע געדאַנקען מישען זיך און זיין קאָפּ. און דער פויפס האָט גערעכענט אפשר ווייסט ער דעם סוד פון זיין געבאָהרענהייט וואָס דער סוד איז פון איהם פערהוילען, וואָס איז דיין פערלאַנג? — האָט דער פויפס גיפרעגט — היליגער פאָטער! — האָט דער גייסטליכער גיענטפערט — הערשט ניט לאַנג בין איך גערופען

צערופען געוואָרען קיין במבורג מיין האַרץ איז געוואָרען פיל מיט פרייד הערענדיג פון דעם גייסטליכען פון במבורג אַז דאָס קינד וואָס איך האָב איהם געגעבען שוין זעכס און צוואַנציג יאָהר איז אַזוי גרויס געוואָרען וואָס איך האָב עס זיך קיין מאָהל ניט פאַר געשטעלט איך זאָל איהם זעהן אויף אַזאַ הויכע מדרגה. און ער האָט מיר געזאָגט אַז ווען זיין הייליגקייט איז געוועזען און במבורג האָט ער געוואָלט וויסען פון וואַנען ער קומט אַ ויס און ווי אַזוי ער איז געקומען קיין במבורג. ווי איך האָב דאָס דערהערט בין איך תיכף געקומען צו זיין הייליגקייט און איך זאָל זיך ביקען מיט ערע פאַר זיינע פיס. און מיין האַרץ זאָגט מיר אַז זיין הייליגקייט. דער פויפּס האָט פערשטאַנען וואָס ער וויל אויס פיהרען און ער האָט איהם ניט געלאָזט אויס פיהרען זיינע רייד די וועסט בעלוינט ווערין אַזוי ווי עס גיהערט צו זיין האָט דער פויפּס געזאָגט:

**דאָמאָלט** האָט דער גלח טומאס דערציילט דעם פויפּס ווי אַזוי עס האָט זיך מיט איהם פאַסיערט פון אָהנהייב ביז דעם סוף ווען ער איז שלאָף געוואָרען ביי זיינע עלטערין ביז מען האָט איהם געבראַכט קיין במבורג. דער פויפּס האָט אויס גיהערט דעם גלח'ס רייד יעדען וואָרט וואָס עס איז אַרויס געגאַנגען פון גלח'ס מויל האָט ער עס איינגעשלינגען. נאָך דעם האָט דער פויפּס גיפרעגט דעם גלח. זאָג מיר דעם אמת האָסט די ניט געהאַט קיין חרטה אויף דעם וואָס די האָסט געהייסען אַרויס גנב'ינען אַ קינד פון זיינע עלטערין די האָסט זיי פערביטערט זייער לעבען אומשולדיג. איז דיר אַמאָהל אויף געקומען אויף דיין געדאַנק די זאָלסט האָבען צער אויף דער מעשה רע וואָס די האָסט געטוהן צו די אומגליקליכע עלטערין ? האָט דער גלח גיענטפערט. זיין הייליגקייט פרעגט מיך צו איך האָב ניט קיין חרטה אויף דעם זיכער לאַכט פון מיר דער הייליגער פאָטער . הייליגער פאָטער מיט דעם האָב איך דאָך מציל גיוועזען זיין הייליגקייט פון פייער פון גיהנם איך האָב איהם אויס געלייזט פון פלאַמענדיגע גיהנם און די טויער פון גן עדן זענען בּרייט אָפען פאַר זיין הייליגקייט דורך מיין אַרבייט אויף אַזאַ זאַך זאָל איך חרטה האָבען ? ניין ! איך רעכען אַז אַ מענטש וואָס ער טהוט אַזאַ זאַך איז ער דער גרעסטער גליקליכסטער פון דער וועלט איך האָב אויף געהאָדיוועט דעם הייליגסטען פון דער גאַנצער וועלט אוף דעם קען איך זיך רוהמען פאַר יעדען איינעם און איך וועל זיך גאָר ניט שעהמען. איך האָב און מיין לעבען זיך ניט פאַר גישטעלט איך זאָל קענען אַזאַ הייליגע זאַך טוהן. דער פויפּס דאָט איהם געזעגט צו וויזען עמיצער

עמיצער פון דעם סוד ? איך פארזיכער זיין הייליגקייט אז דאס ערשטער מאהל אז איך זאג די ווערטער און איך בין זיכער אז עס וועט זיין אויך דאס לעצטע מאהל האט דער גלח געזאגט מיט ציטערניש. שוועהר מיר ביי אלע הייליגקייטען וואס ביי דיר הייליג איז אז די זאלסט דעם סוד פאר קיינעם ניט אויסזאגען האט דער פופס געזאגט צום גלח. איך שווער ביי גאט און ביי אלע זיינע הייליגע האט דער גלח געזאגט אז איך וועל טוהן אלעס וואס זיין הייליגקייט וועט מיך הייסען און כל זמן איך וועל לעבען וועל איך מיין ווארט האלטען. דער פויפס האט גיגעבען דעם גלח א קוויטעל און זיין קאסע אריין אויף א גרויסע סומע געלד און אויסער דעם האט ער איהם גרעסער געמאכט ער האט איהם געמאכט פאר עלצטער גלח און במבורג אז פון זיין פער דיענסט זאל ער זיך קענען שפייזען אויף זיין עלטער בכבוד:

פון דעם טאג אהן האט שוין דער פויפס געוויסט אז ער קומט ארויס פון יודען און ער האט ניט גיקענט רוהען ער האט זיך געוואלט זעהן מיט זיינע עלטערין און ער זאל מיט זיי ריידען פנים אל פנים דער חשק צו זיינע עלטערין האט זיך און איהם דערוועקט יעדען טאג שטארקער אז ער האט שוין ניט גיקענט איבער טראגען. ער האט אבער ניט געוויסט ווי אזוי ער זאל זיך מיט זיי זעהן. זאל ער פאהרין קיין מגנצא צו זיינע עלטערין טאמער וועט מען געוואהר ווערין ווער ער איז וויל מען וועט דאך קלעהרען ווי קומט דער פויפס קיין מגנצא. זאל ער רופען זיינע עלטערין צו זיך איז דאך אויך ניט וויל פיהעל מענטשין קלעהרען ווער ער איז. יעדער איינער איז זיך משער איינער זאגט אז ער איז א דייטש א געבארינער דער צווייטער זאגט אז ער איז פון איטליא האט ער דאך גיזעהן אז מען קלעהרט ארום וועגען איהם. יעצט אז ער וועט א הער רופען זיינע עלטערין וועט מען שוין זיך משער זיין ווער ער איז. האט ער גיזעהן פאר נויטיג פאר זיך אז ער דארף זיין געהיטען כדי מען זאל ניט געוואהר ווערען ווער ער איז. ווי אזוי זאל ער צו זיך רופען א יוד צו זיך און חדר אריין וועלכעס קומט ניט דאס א יוד זאל אריין געהן דארט וועט דאך זיכער דער סוד אויף גידעקט ווערען און ער וועט זיכער אראב פון די הויכע שטעלע, אבער וואס קען ער טוהן פון טאג צו טאג שטארקט זיך ביי איהם דער חשק זיך צו זעהן מיט זיינע עלטערין און ער קען זיך שוין ניט איינהאלטען. ער האט גאנצע טעג בעטראכט ווי אזוי ער זאל זיך זעהן מיט זיינע עלטערין אויף אזא אופן ער זאל זיך קענען זעהן מיט זיי און עס זאל קיינער ניט געוואהר ווערען

פון

פון דעם סוד. און ער האט אזוי לאנג געטראכט ביז ער האט בעקומען איין עצה:

ביי די יודען פון מגנצא איז געווארען ארעש אפיירען פון טרויער איז געלעגען אויף יעדען יודיס פנים וויל מען איז געקומען רופען די ראשי הקהלה צו דעם שר העיר און ער האט זיי פארגעלייענט דעם בעפעהל פון פויפס וואס ער האט הייסט דער האלטען ניט צו לאזען יודען האלטען די צוויי מצות מען זאל זיי ניט לאזען היטען שבת און זיי זאלען ניט מל זיין זייערע קינדער נאר עס איז ער לויבט צו פאהרען צום פויפס און אויס ווייזען אז די מצות זענען דער עיקר קיום הדת זיי קענין אויס קלויבען עטליכע פון די גרעסטע פון זייער קהלה קיין רוים איין ביז די ראשי הקהלה וועלען ניט צוריק קומען פון רוים האט קיינער ניט דאס רעכט זיי צו שטערען פון צו האלטען די מצות. די ראשי הקהל האבען די זאך מודיע געוועזען זייער רב ר' שמעון. דער רב איז זייער דערשראקען געווארען הערענדיג די שלעכטע בשורה. ער האט זיך אבער תיכף געשטארקט און ער האט נאך מיט זיינע קליגע רייד געטרייסט די יודען. ער האט זיי געזאגט אז גאט ב"ה איז „אמפיר מחשבות ערומים" פערשטעהרט די עצה פון די אלע וואס שטעהן אויף אינז אזוי ווי ער האט זיי ביז יעצט ניט פערלאזט אזוי וועט ער זיי ווייטער ניט פערלאזען. גאט וועט שטעהן מיט די ראשי הקהלה. און ער וועט זיי אריין געהן רייד און זייערע מאלער אריין בעת זיי וועלען שטעהן פאר דעם פויפס זיי זאלען ריידען ריכטיגע און בעוויליגטע רייד וואס דורך די רייד וועט מען אראב נעמען די שלעכטע גזירה און מען זאל זיי לאזען היטען די מצות גלייך ווי פריהער. און דער רב האט געזאגט מען דארף אבער ניט פערלאזען קיין איין טאג נאר מען דארף שוין פאהרען קיין רוים און זיי זענען טאקי און דעם זעלבען טאג געפאהרען קיין רוים די ראשי הקהל פון מגנצא און הרב ר' שמעון הראש:

דער פויפס איז נתפעל געווארען ווען דער משרת האט איהם מודיע געוועזען אז דער רב פון מגנצא מיט די ראשי הקהלה זענען געקומען און זיי וועלען צו איהם אריין געהן. האט ער זיי געהייסען אריין געהן און דער פויפס איז אויך אריין געקומען און דעם חדר אריין. אזוי ווי דער רב ר' שמעון האט איבער געטרעטען די שוועל און ער האט דערזעהן דאס שעהנקייט פון דעם חדר וואס זינט ער לעבט האט ער נאך קיין זא חדר ניט געזעהן דאס גאלד און די בערליאנטען וואס זיי שיינען פון יעדען ווינקעלע און ווי ער האט דערזעהן דעם יונגען פויפס ווי ער זיצט זיך אויף א שטיהל

פון

פון בלויז גאָלד און אַגאָלדינע קרוין אויף זיין קאָפּ און זיין שעהנקייט איז ער דער שראָקען געוואָרען פילצלונג האָט ער זיך דער מאַנט און דעם חלום וואָס עס האָט זיך איהם געחלומט מיט זעקס און צוואַנציג יאָהר צוריק צייט זיין קינד אלחנן איז שלאָף געוועזען. אין עס איז איהם אויף געגאַנגען אויף זיין געדאַנק פון דעם אומגליק וואָס עס האָט איהם געטראָפען מיט זיין קינד מען האָט איהם אַרויס געגנבט און ער ווייסט ניט ביז היינט ווי ער איז אין נאָך פיעל פערשידענע געדאַנקען גיטע און שלעכטע וואָס עס איז איהם אוף געגאַנגען אויף זיינע געדאַנקען די געדאַנקען האָבין איהם צומישט זיין שכל ער איז דאַמאָלסט געוועזען אַזוי ווי אַ שיכור ער האָט פערגעסען אוף וואָס ער איז דאָ געקומען נאָר ער האָט זיך תיכף אויף גיוועקט אַזוי ווי פון אַ שלאָף בעת ער האָט זיך דער מאַנט און דעם מצב וואָס די יודען שטעהן און אוף איהם ליגט אַ חוב אויס צו ווייזען דעם פויפס אַז מען קען ניט מבטל זיין די צוויי מצות וואָס איז דער עיקר פון דעם יודשען דת • מיר געפינען מיט טויזינדער יאָהרען צוריק האָבין זיך די יודען מוסר נפש געוועזען פאַר די צוויי מצות • ווען אַנטיוכס דער קיסר פון יון האָט גוזר געוועזען אויף די יודען אז זיי זאָלען מבטל זיין די צווייא מצות און דיא יודען האָבען זיך מוסר נפש געוועזען און זייא האָבען ניט געלאָזט מבטל זיין די צוויי מצות. איז דאָך אַ בעוויז אַז דער עיקר דת יהודית איז אָבהענגיג און די צוויי מצות. די רייד האָבען געווירקט ביי דעם פויפס און ביי די גרויסע גלחים וואָס זענען געשטאַנען אַרום זיין שטיהל. אַזוי ווי דער רב האָט גיענדיגט זיינע רייד האָט דער פויפס געהייסען זיין שרייבער אַז ער זאָל שרייבען אַ פּאַפּיער צו דעם שר פון מגנצא אַז די גזירה וואָס ער האָט גוזר גיוועזען אויף די יודען איז בטל און ער האָט מודיע גיוועזען די ראשי הקהל אַז זיי קענען שוין אַ היים פאָהרען מבשר זיין די בשורה און שטאָדט אין דעם רב האָט ער געהייסען פערבלייבען אויף אַ צייט און רוים ווייל ער האָט איהם צו פרעגען שאלות בחכמת הקבלה:

ויהי היום ווען דער פויפס איז גיוועזען אַליין מיט דעם רב עס איז קיינער ניט גיוועזען און חדר האָט דער פויפס געמאַכט אַ שמיעס מיט דעם רב און ער האָט איהם אויס גיפרעגט וואָס עס הערט זיך ביי איהם. ער האָט איהם גיפרעגט צו ער האָט נאָך אַ ווייב ? גאָט זאָל דערלענגערין איהרע יאָהרען האָט איהם דער רב ביעגטפערט — האָט איהר קינדער ? — האָט דער פויפס גיפרעגט — גאָט האָט מיך גיבענטש מיט פיער זוהן און צוויי טעכטער — האָט

דער

דער רב גיענטפערט – ווי וואהנען זיי ? – האט דער פויפס גיפרעגט – מיין עלצטער זוהן יהודה וואהנט און מגנצא מיט מיר צו זאמען און ער ערפילט דאס רבנות אויף מיין ארט אז איך פאהר אוועק. מיין צווייטער זוהן יוסף איז רב און ווינץ און מיין דריטער זוהן מאיר וואהנט און פארט ער איז א סוחר. און מיין יונגסטער זוהן נחמי' איז נאך יונג ער איז א בחור און איך לערען מיט איהם וויסענשאפט פון דער הייליגער תורה און וועגען מיינע צוויי טעכטער. זיי האבען שוין חתונה געהאט און מגנצא עס געהט זיי ב"ה גאנץ גוט. און אויסער זיי האט איהר שוין ניט מעהר ? ניין – האט דער רב גיענטפערט – מיט א שווערען זיפץ איך וועל ניט לייקענען פון אייך דעם אמת. איך האב געהאט נאך א זוהן און ער איז מיר פערלארין געווארען ווען ער איז נאך גיוועזען יונג און איך האב איהם פון דאמאלס אהן ניט גיזעהן. און מיז מודה זיין אז אייער געשטאלט הייליגער פאטער האט מיך יעצט דערמאנט דאס געשטאלט פון מיין פערלארענעם זוהן און פון מיינע ווינדען פון הארץ האט אהנגעהויבען צו רינען פריש בלוט נאך דעם ווי זיי זענען שוין גיוועזען אביסעל אויס געהיילט. מיין געשטאלט האט אייך דערמאנט און אייער זוהן אייערע ווערטער זענען ביי מיר אזוי ווי א רעטעניש איך קען זיי ניט פערשטעהן האט דער פויפס געזאגט. – זייט מיר מוחל הייליגער פאטער האט דער רב גיענטפערט – אפשר האב איך פוגם גיוועזען און אייער הויכען כבוד. בעט איך אייך איהר זאלט מיר אנשולדיגען איך זאג הלילה ניט קיין שקר און אויך קיין דברים בטלים. און איך מוז אייך נאך אמאהל זאגען אז ניט נאר אייער הייליג געשטאלט דער מאנט מיך פון מיין פערלוירענעם זוהן. נאר אפילו אייער קרוין וואס זי ליגט אויף אייער קאפף און זייער גאלדענער קרייז (צלם) וואס העגנט אויף אייער בריסט און די שרים וואס ביקען זיך צו אייערע פיס דאס אלעס שטעלט מיר פאר דאס געשטאלט פון מיין קינד וואס איז פערלארען געווארען שטעלט זיך מיר פאר גלייך ווי ער לעבט און שטעהט מיר פאר מיינע אויגען. אויב אייער הייליגקייט וועט מיר ערלויבען וועל איך בעשיידען דאס רעטעניש וועט איהר וויסען אז איך האב ניט געזאגט קיין איבריג ווארט. מיט זעקס און צוואנציג יאהר צוריק ווען מיין זוהן אלחנן איז שלאף גיוועזען און איך בין לעבען איהם גיזעסען א גאנצע טאג און געזארגט וועגען מיין געליעבט קינד ביי נאכט ווען איך בין גיזעסען ביי מיר און חדר אליין איז אויף מיר געפאלען א שטארקער שלאף און מיר האט זיך געחלומט אז מיין זוהן זיצט אויף א גאלדינע שטוהל און א גאלדינע קרוין ליגט אויף זיין קאפף און

און אַ גאָלדענער קרייז העננט אויף זיין ברוסט און פיהעל שרים ביקען זיך צו איהם אַלעס גלייך ווי איך זעה דאָ. וואָס איז געווען דער סוף פון דיין זוהן ? — האָט דער פויפס געפרעגט — מיין קינד איז געוואָרען געזיגד. ער איז אָבער פערלאָרען געוואָרען. און ביז היינט ווייסט איהר ניט ווי ער איז ? — ניין !.. ביז יעצט ווייס איך פון איהם גאָר ניט מען רעכינט אַז די דיענסט וואָס זי איז מיט איהם אַליין געוועזען און שטיב האָט איהם אַריין געוואָרפען צוליעב אַ אומבעוויסטע סיבה און טייך אַריין וואָס פליסט ניט ווייט פון מיין הויז. און צו מיין אומגליק אַז די דיענסט איז משוגע געוואָרען און מען קען פון איהר ניט אַרויס בעקומען אַ וואָרט. ווי אַזוי איז דער נאָמען פון דעם קינד ? אלחנן — האָט דער רב געענטפערט — און ער האָט געגעבען אַגרויסען זיפץ. אלחנן ? האָט דער פויפס געשריגען מיט אַהויך געשריי. און פון זיין מויל האָט זיך דערהערט די ווערטער „אל־חנן נחלו" פאָטער ! פאטער ! האָט דער פויפס געשריגען איך בין דאָך דיין זוהן וואָס איך בין פון דיר דאַמאָלסט פערלאָרען געוואָרען . איך בין דיין זוהן וואָס איהר האָט גירעכענט אַז איך בין שוין לאַנג טוידט, פאָטער. פאָטער קום אַהער צו מיר און דריק מיך צו מיט הענד מיט אַפאָטערליך ליעבשאַפט צו זיין זוהן צו דיין האַרץ. אלחנן דער פויפס איז געפאַלען אויף זיין פאָטערס האַלדז און דער פאָטער וואָס איז געשטאַנען ביז יעצט שטיל אַזוי ווי אַ דערשראָקענער מענש פון דער פליצלונגער בשורה וואָס ער האָט פון איהם געהערט איז אויף בעוואַכט געוואָרען זעהענדיג ווי זיין זוהן איז געפאַלען אויף זיין האַלדז און ער האָט איהם אויך ניט געשפאָרט קיין הייסע קושען און האָט איהם געהאַלדזט און ער האָט געוויינט . און אלחנן האָט מעהר געוויינט מיט אַביטעליך געוויין :

ציים דער פאָטער מיט דעם זוהן האָבין זיך דערקענט איז ניט פערבי געגאַנגען קיין איין טאָג זיי זאָלען זיך ניט זעהן און איינער האָט דערציילט דעם צווייטען ווי אַזוי עס האָט זיך מיט איהם פאַסיערט ביז היינט. און זיי פלעגען האַלטען וכיחום וועגען דער אמונה און דער פאָטער פלעגט שטענדיג מנצח זיין דעם זוהן און דער פאָטער איז געבליבען גערעכט ווייל דער רב איז געוועזען אַ חכם און ער איז געוואָהנט געוועזען שטענדיג צו האַלטען וכיחום האָט ער געקענט מנצח זיין זיין זוהן איבער דעם האָט דער רב געפינען אַריכטיגע צייט צו ריידען אויף דעם האַרץ פון זיין זוהן אַז ער זאָל פערלאָזען דעם קטולישען דת און ער זאָל צוריק ווערען אַ איוד. דער רב האָט זיך פערהאַלטען און רוים עטליכע וואָכין און ער האָט נאָך

ניט

ניט גיקעגט וויסען ביי וואס זיין זוהן האלט צו ער וועט פאלגען זיין פאטער צו ניט:

ווידהי היום און דער פאטער האט דערציילט זיין זוהן וועגען דעם חלום וואס עס האט זיך אים געחלומט אז די ערשטע העלפט איז שוין מקויים געווארען עס האט ניט געפעהלט קיין האר. און ער האט געזאגט צו זיין זוהן יעצט איז אבהענגיג און דיר די זאלסט פותר זיין דיא צווייטע העלפט חלום. פערלאז דעם כבוד וואס די האסט דא און קום מיט מיר צו דיין פאלק און צו דיין אמונה. דאמאלסט וועט דער צווייטער העלפט חלום מקויים ווערען. מיין פאטער – האט דער פויפס געזאגט מיט גרוס אויף רעגונג. רעכען נאר גיט די ווערטער וואס די האסט ארויס געלאזט פון דיין מויל קענסטו פון מיר פערלאנגען אזא טייער קרבן. קען איך אב לאזען און איין רגע מיין גאנץ רייכטום וואס איך האב עס איינגעזאמעלט אין א צייט און עטליכע יאהר און די פאדערסט נאך פון מיר איך זאל זיך אזוי ערנידעריגין און איך זאל זיצען צווישען אזא נידריג פאלק. ניין מיין פאטער, אזא טייער קרבן וואס עס איז ניט דא אויף דער וועלט דאס גלייכען קען איך ניט מקריב זיין אויף דעם מזבח פון דיין ליעבשאפט און דאס ליעבשאפט פון דיין אמונה. אזא זאך איז שוועהר פאר אמענש ער זאל עס טוהן. איך האב שוין לאנג בערעכענט די זאך איידער איך האב עס ארויס גיברענגט פאר מיין מויל. האט דער רב גיענטפערט מיט ארענעטע שטימע. אבער דאס ווייסטו דאך אז דאס גאנצע רייכטום איז הבל הבלים און דער כבוד פון דעם מענטש מיט זיין רייכקייט וועט ניט מיט געהן מיט דעם מענש און גריב אריין. נאקעט געהט דער מענש ארויס פון זיין מיטערס בויך און נאקעט וועט ער צוריק געהן און גריב אריין די מלוכה שטיהל אין זייער קרוין העלפט ניט ווען עס קומט די צייט צו שטארבען. וואס איז ביי דיר אזוי שוועהר מיין קינד צו פערלאזען דאס גאנצע רייכקייט מיט דיין גיטען ווילען איידער די וועסט זיין געצווינגען דאס אלעס צו פערלאזען דיין שכר וועט זיין גרויס פון גאט פאר וואס זאלען מיר פערלייקינען דעם אמת קענסטו דיך בערוהמען אפילו היינט מיט דיין רייכקייט אז די ביסט גליקליך צו ווייסטו יעצט פון מנוחה דער געדאנק וועט דיר זייער דעקוטשען אז די ווייסט אז די ביסט פערבלאנזעט און דיין וועג און א אייוויגע מלחמה וועט ביי דיר זיין און דיין הארץ:

דער רב ר' שמעון האט געשוויגען ער האט געקוקט דעם פויפס און פנים אריין צו זיינע רייד האבען געווירקט. דער פויפס איז אויך ארום

געגאנגען

געגאנגען שטיל און חדר אַהין און צוריק אויף זיין פנים האָט גערוהט
אַ טרויער און אַ צייכען פון טרויער האָט מען אָהנגעזעהן אויף זיין שטערען
און פּליצלונג איז זיין פנים פריילעך געוואָרען און די צייכענס פון טרויער
זענען אַוועק גיגאַנגען פון זיין פנים. און ער האָט זיך אַנידער גישטעלט
אַקעגען זיין פאָטער און ער האָט צו איהם געזאָגט מיין ליעבער פאָטער.
איך האָב יעצט געפינען אַ וועג וועלכער עס וועט זיין גיט פאַר אינז ביידע
און ער וועט איינשטילען אינזערע הערצער. די ווייסט דאָך די אַלע צרות
וואָס טרעפט אינזער יודיש פאָלק וואָס מען יאָגט זיי פון אַלע זייטען. און
די גלחים בלאָזען אינטער פיילען פון קריג און שנאה צווישען דעם המון
און זיי רייצען אָהן דעם המון זיי זאָלען אויס גיסען זייער צאָרין אויף
די אומגליקליכע יודען. יעצט שטעל דיר פאָר מיין פאָטער ווי ווייט איך
וועל קענען היילין די ווינדען פון מיין פאָלק אויב איך וועל פערבלייבען
וייטער אויף מיין שטעלע. ערלויב מיר מיין פאָטער איך זאָל בלייבען אויף
מיין שטעלע. און איך שוועהר דיר אַז מיט אַלע מיינע קרעפטען און מיט
מיין גאַנץ מעגליכקייט וועל איך זעהן אַרויס צו געבען גיטע בעפעהלען
אויף די יודען און זיי זאָלען האָבען רוה און מיינע לענדער. איך וועל זיך
שטאַרקען אויסצורייסען די שנאה פון די בייזע הערצער פון די
גלחים וואָס גיהערען אינטער מיין שיץ. און איך וועל זיך באַמיהען איינצו־
פלאַנצען און זייער הערצער געפיהלען פון רחמניות און דערבאַרימקייט און
אַליבשאַפט איינער צום צווייטען גלייך ווי זיי וואָלטען גיוועזען ברודער אַז
זיי זאָלען זיך ניט רעכינען מיט דער אמונה און דת דאָס האָלסט וועלען די
יודען זיין איינגעוואָרצעלט און זיי וועלען וואַקסען און גלוו. און די שלעכטע
מענשין וועלען זיי שוין ניט אַזוי פייניגען, מיט אַוואָרט איך וועל זיין דער
שליח פון גאָט איך זאָל זעהן פאַר די יודענס וועגען אַ פרייהייט זיי זאָלען
קענען זיך האַלטען און גלות. אָבער אַז איך וועל דיך פאָלגען און איך וועל
ווערען צוריק אַ יוד גלייך מיט מיינע אומגליקליכע ברודער וועל איך דאָך
גאָר ניט קענען גיטס טוהן מיינע ברודער. ניט אַזוי מיין זוהן – האָט דער
רב גיענטפערט – דיינע ווערטער ווירקען אויף מיר גאָר ניט זיי שטילען ניט
איין מיין שטאָרם פון מיין הארץ. די ווייסט ניט אַז אָהן דיין הילף וועט
אויך השי״ת ניט פערלאָזען זיין געליעבט פאָלק? אַזוי ווי ער האָט זיין
פאָלק אָבגעהיטען ביז יעצט אַזוי וועט ער זיי ווייטער היטען די זאָגסט אַז
די וועסט צוריק געהן צו אינזער פאָלק וועט אינזער פאָלק מעהר ניט פער־
מאָגען נאָר נאָך איין יוד? די זאָלסט אָבער וויסען אַז דאָס קליינע פערמעגין
וואָס

וואָס אינזער פאָלק וועט ניט פערמאָגען וועט ניט פערגעבען ווערען מיט קיין שום כפרה קיין קייזערליכע פערמעגען איז ניט אומשטאַנד אויס צולייזען דעם זינד וואָס די וועסט טוהן. קעהר דיך צוריק מיין זוהן אלחנן צו אינזער פאָלק און ערלויב מיר איך זאָל שוין קענען ברענגען דיין מוטער די ליכטיגע בשורה? דער פויפס איז גיזעסען אויף זיין שטוהל פערקלערט. זיינע הענד אויף דעם פנים און גיקלערט. עס איז איהם שוועהר גיוועזען ביי זיך צו בעשליסען צו פערלאָזען אַזאַ גוויסקייט אַ מענטש וואָס מלכים האָבין פאַר איהם געציטערט וואָס ער איז געוואָהנט גיוועזען ביז יעצט צו הערשען אויף צעהן טויזינדטער מענשין פון זיינס אַ וואָרט זענען מענטשין גליקליך געוואָרען און מיט זיינס אַ וואָרט האָט ער אומגליקליך געמאַכט מענשין זאָל ער זיך יעצט אויס מישען צווישען אַזאַ נידריג פאָלק וואָס זיי זענען בערויבט פון יעדען איינים זיי האָבען ניט די דינים פון יעדען איינציגען מענטש ער זאָל דאַרפען געבען די באַק צו זיין שלעגער און צי הערין און צו ליידען די בזיונות פון יעדען איינציגען. ער האָט שוין כמעט בעשטימט ניט צו פאָלגען זיין פאָטער. איז אויף גיגאַנגען אויף זיין געדאַנק די ווערטער „אל־הבן נחלתו״ ער האָט זיך געשווינד אויף געהויבען אַזוי ווי אַ פייל פון זיין שטיהל און איז צו געגאַנגען צו זיין פאָטער. זיין פאָטער האָט איהם צו געדריקט צו זיין בריסט האָט ער געשריגען יאָ, יאָ, מיין פאָטער איך בין גרייט צוריק צו געהן צו אייך און די קענסט אַהיים פאָהרען צו מיין מוטער און איהר אָהנזאָגן בשורה אַז זי זאָל זיין זיכער אַז זי וועט און גיכען איהר פערלאָרינעם זוהן:

דער רב ר׳ שמעון איז אהיים געפאָהרען, און די שרים וואָס זענען שטענדיג געזעסען לעבען דעם פויפס האָבין געזעהן אַז דער פויפס דער וייטערט זיך ביסליכווייז. זיי האָבין גירעכענט די סיבה פון דעם איז ווייל ער לערענט בעהאַלטינע זאַכען געטליכע זאַכען. און באמת האָבין זיי אַ טעות געהאַט דער פויפס האָט זיך אָב געזינדערט פון זיי א. ער האָט פערבענגט זיינע טעג מיט פאַסטין און ער האָט תפלה ג׳טוהן צו גאָט און זיין בעזונדערין הדר. פון דער פויפס פאַלאַץ איז געוועזע, פירבאָרגינע טהירען דורך אַהייל און מען האָט דורך זיי גיקענט אַרויס געהן ... שטאָדט אַריין. די שליסלען האָט קיינער ניט געהאַט נאָר דער פויפס אַליין וואָס ער פלעגט זיך אָהנטוהן פראָסטע מלבושים און ער פלעגט אַרויס געהן און שטאָדט אַריין הערען וואָס מען רייערט פון איהם. אַדורך די טהירען איז דער פויפס אלחנן אַרויס געגאַנגען איבער געטוהן, און אַפינסטערע רעגענדיגע נאַכט. און ער האָט פערשלאָסען

די טהיר און דעם שליסעל האט ער אריין געווארפען און טייך אריין. און ער איז ארויס געגאנגען אונטער דער שטאדט און ער האט זיך געקויפט פערד אין וואגען און ער האט זיך געדינגען א שמייסער און ער איז מיט איהם געפאהרען קיין דייטשלאנד:

די דיענער פון פויפס האבין געזעהן און דער פריה אז דער פויפס עפינט ניט אויף די טהיר זיי האבין געווארט אצייט און זיי האבין אלעס געזעהן אז ער עפענט ניט האבין זיי פערשטאנען אז דארט מוז עפיס זיין. זיי האבין געפענט די טהיר. ווי זענען זיי אבער געבליבען שטעהן דערשראקען זיי האבין געזעהן אז זייער פויפס איז ניט דא דאס חדר איז ליידיג. די טרויערדיגע בשורה האט זיך באלד פערשפרייט אויף דער שטאדט יעדער איינציגער האט געגעבען א צייט מיינאג זעלבס פער שטענדיליך האט קיינער ניט געטראפען דעם אמת ווער קען זיך גאהר פארשטעלען א מענש פון אזא רייכטום און אזא כבוד זאל אוועק לאזען דאס אלעס און ער זאל זיך בפהעפטען צו די נידריגע אומגליקליכע יודען? און א קורצע צייט האט אלחנן געפייערט זיין חתונה מיט דעם מיידיל וואס ער האט זי מציל גיוועזען פון דעם אכזר דער שר פון רוטשטיין די טאכטער פון ר' משולם פון רגנשבורג. און ער האט מיט איהר געהאט קינדער ס' אלחנן איז גיזעסען מיט גרויס התמדה און גילערענט צייט עטליכע יאהר איז ער געווארען איינער פון די גרעסטע תלמידים און ער האט מחבר געוועזען פיעל פיוטים וואס א סאך פון זיי זענען געדריקט געווארען און מחזור:

די פרייד פון די עלטערין אז זיי האבען דערזעהן זייער קינד וואס זיי האבען שוין ניט גירעכינט איהם צו זעהן איז אבער ניט גיוועזען אויף לאנג. שווארצע וואלקענעס האבען פינסטער געמאכט זייער פרייד זיי האבען פערפינסטערט דעם גאנצען כלל ישראל די פעלקער פון מערב זייט די נוצרים האבען זיך געשלאגען מיט די פעלקער פון מזרח זייט די מחמדאנער עס איז צווישען זיי פארגעקומען א שרעקליכע מלחמה. איידער זיי זענין גיגאנגען צו די מחמדאנער אויף דער מלחמה האבין זיי בעשלאסען אויס צו הרג'נען די יודען פון זייערע לענדער. די מלחמה איז גיוועזען א מלחמת הדת. האבין זיי געזאגט איידער מיר געהן צו די מחמדאנער מיט זיי מלחמה האלטען אז זיי זאלען אויף זיך מקבל זיין אינזער דת דארפען מיר זעהן אז די יודען זאלען אויף אהנעמען אינזער דת און אויב ניט דארפען מיר זיי אויס הרג'נן די בשורה איז אהנגעקומען קיין מגנצא זיי האבען גיהערט אז די יודען פון דער שטאדט רואן האבין די שונאים זיי אויס גע'הרגת עס איז קיין איינער

פון

# תולדות ר' שמעון הפייטן

פון זיי ניט געבליבען. און די יודען פון דער שטאדט טריר האבען ניט גיקענט בייששטעהן דעם נסיון און זיי האבען זיך אלע געטויפט. די יודען פון מגנצא האבען גיזעהן אז זיי האבען ניט קיין ברירה נאר אבער זיי זאלען זיך טופין אבער זיי זאלין זיך מוסר נפש זיין פון גאטס וועגען. דער רב ר' שמעון האט איינגעזאמעלט די יודען פון מגנצא לערך פון אכט הינדערט מענשין און שוהל אריין. און ער איז ארויף געגאנגען לעבען ארון הקודש און ער האט זיך גיווענדעט צו די יודען און מיט א ציטערונג קול האט ער זיי פאר־בישטעלט די סכנה וואס אויף זיי ווארט און ער האט זיי גיבעטען אז זיי זאלען זיך ניט טויפען זיי זאלען זיך ניט אויסבייטען זייערע עלטערענס דת און זיי זאלען זיך בעסער מוסר נפש זיין. ווייל אויף אינז וועלען קוקען אלע יודען וואס וואהנען אין דייטשלאנד און אויב מיר וועלען מקדש השם זיין וועלען אלע יודען אויך אזוי טוהן. אבער דאס קהל האט געשוויגען און זיי האבען גאר ניט גיענטפערט. האט אלחנן גיבעטען ביי זיין פאטער רשות צו זאגען פאר דעם קהל. ער איז ארויף גיגאנגען אויף דער בימה און ער האט זיי פארגישטעלט זיין פאסירונג פון אהנהייב ביז דעם סוף. די שווערע מלחמה וואס ער האט געהאט ביי זיך און הארץ בעת עס איז איהם אויף גיגאנגען אויף זיין רעיון זיך אב צו שיידען פון דעם גאנצען רייכקייט און כבוד און ער זאל לעבען א ארים און א געדריקט לעבען. גלייך מיט זיינע ארימע ברודער. דאך האב איך זיך בעצייגט אז איך זאל בעסער אויף זיך נעמען צו לעבען א ארים און געדריקט לעבען און איך זאל זיין א יוד. אלזא מיינע ברודער האט ער גיגעבען א געשריי מיט א הויך קול הערט מיך אויס. עס איז גלייכער מיר זאלען שטארבען ערליכע מענשין איידער מיר זאלען אייביג האבען קרענקינג ווייל אויב מיר וועלין זיך טויפען וועלען מיר אייביג האבען קרענקונג פאר וואס מיר האבען גיפעלטש און גאט און מיר האבען איבער גיביטען די אייביגע וועלט פאר דער דורכפאהריגע וועלט וועקט אייך אוף שטארקט אייך ליעבע ברודער אייערע הערצער וואס איהר טהיט שטענדיג דעם ווילען פון גאט זאלען מיר אלע בעזאמען שווערען צו גאט מיר זאלען זיין בעגלייבט צו איהם און צו אינזערע עלטערינס דת ביז צו דער לעצטער רגע. מיר שווערען. מיר שווערין! האבען זיי אלע מיט איין מאהל גיענטפערט:

נאך דעם איז דער רב ר' שמעון נאך אמאהל ארויף געגאנגען לעבען דעם ארון הקודש און ער האט געשריגען מיט אציטעריג קול האט איהר שוין גיהערט אינזער אבות הקדושים אברהם יצחק יעקב אז מיינע שאף די דאזיגע שעפעליך די פערשטויסינע זענען גרייט צו טוהן מיין בקשה און זיי

זאלען

זאָלין זיך מוסר נפש זיין פאַר זייער דת און תורה און דיך דערבארעמדיגער פאָטער וועל איך בעטען. אַז די זאָלסט מקבל זיין דאָס געבעט פון דיינע קנעכט וואָס זיי שטארקען זיך שטענדיג אָב צו היטען און מקיים זיין דיין תורה באהבה און נעהם אָהן מיין געבעט וואָס איך טוה דיך בעטען די זאָלסט צו נעמען מיין נפש צו דיר תיכף אַזוי ווי איך שטעה דאָ פאַר אַ קרבן. אַזוי ווי דער רב האָט גיענדיגט זיינע רייד איז ער נפטר געוואָרען. דעם דריטען טאָג נאָך זייער רב׳ס פטירה איז אָהנגעקומען קיין מגנצא דער שר עמוכא מיט אַ גרויסע מחנה:

אַזוי ווי זיי זענען געוואָהר געוואָרען אַז ר׳ אלחנן שטאַרקט די יודען אַז זיי זאָלען זיך ניט טויפען איידער זיי זענען צו געגאַנגען צו די יודען זיי זאָלען זיי הייסען טויפען האָבין זיי גענימען ר׳ אלחנן און זיי האָבין איהם צו געבינדען צו אַהילצערנים טאָרים זיי זאָלען איהם פער ברענען זיי האָבין אָהן געצינדען צו דעם טארים נאָר ער איז געגאַנגען מיט שמחה גלייך ווי איינער געהט צום טאַנץ גלייך צו צום פייער און ער האָט געגעבען אַגעשריי מיט אַ הויך קול „שמע ישראל ד׳ אלקינו ד׳ אחד״ און די יודען וואָס זיי זענען געשטאַנען פון דער וויטענס האָבען גיענטפערט „אחד״. און פון דעם פייער האָט זיך אָהן געצינדען די שוהל די שונאים האָבען זיך געפ ייט זעהענדיג אַז די שוהל ברענט זייער שמחה איז אָבער ניט געוועזען אויף לאַנג עס איז מעהער ווי אַ האַלבע שטאָדט אָב געברענט געוואָרען און דער פלאַץ איז נאָך ליידיגע ביז היינט מען רופט איהם דער אָבגיברענטער פלאַץ. די יודען האָבען זיך אַליין גשחטין זיי האָבען ניט געוואָלט אַז די גוים זאָלען זיי שענדען:

דאָס גרויסקייט איז זיי אָבער ניט אויף אייוויג עס איז ניט פערביי גיגאַנגין קיין צוויי יאהר האָט דער קיסר היינריך דער פערדער אַרויס געטריבען דער שר ריאָרט פון זיין מדינה און אויף דער שר עמוכא איידער ער איז געקומען צו זיין ציעל אויף דער מלחמת פלאַץ איז ער מיט זיין גאַנצע אַרמע אויס געשטאָרבען אויף דעם וועג. אויף דעם בית הקברות און מגנצא האָט מען אויף געשטעלט אַ ציון אויף ר׳ שמעון׳ס קבר און דעם יאָהר תקנ״ב איז דער ציון בייבייעט געוואָרען דורך דער חברה קדושה מען קען נאָך היינט דאָס כתב לעגען. אָבער דאָס אש פון ר׳ אלחנן איז ניט גיבראַכט געוואָרען צו קבר ישראל צוליעב דעם איז ניט דאָ פון ר׳ אלחנן קיין שום ציון א זכר צו זיין מסירת נפש אויף קידוש השם אָבער ווער עס גידענקט איהם דאַרף איהם בענשען און זיין גייסט און זיין הייליגער געדאַנק איז געבליבען פאַר אזכר ביי אַלע יודען:

# ויכוח עם האשמדי

## אַ וִיכּוּחַ פוּן זִיבִּיצִיג חֲכָמִים מִיט דִי בְּהֵמוֹת וְחַיוֹת פַאר דֶעם מֶלֶךְ אַשְׁמְדַאי.

אַמָאהְל אִיז גִיוָועזֶען אִין אַ מדינה אַ גרויסֶער חקרן האָט עֶר צוּ זאַמֶען גִגוּמֶען זִיבֶּעצִיג חכמים פוּן אַלֶע זִיבֶּעצִיג אוּמות פוּן יֶעדֶען אוּמה אַ מֶענש אוּן עֶר האָט זֵיי אָבגִיגֶעבֶּען אַ גרויסֶען פַּאלַאץ יֶעדֶען אֵיינצִיגֶען אַ בֶּעזוּנדֶער חדר זֵיי זאָלֶען דאָרט זִיצֶען אוּן עֶר האָט זֵיי גִיגֶעבֶּען אַלֶעס וואָס זֵיי בֶּעדאַרפֶען אוּן עֶר האָט זֵיי גֶעהֵייסֶען אַז זֵיי זאָלֶען זִיךְ בֶּעזאַמֶען לֶערנֶען יֶעדֶען אֵיינצִיגֶער זאָל זִיךְ אוֹיס לֶערנִין זִיבֶּעצִיג לשונות יֶעוֶוער אֵיינצִיגֶער זאָל אוֹיס לֶערנִין דֶעם צווֵייטֶען זֵיין שפּרַאך אַז יֶעדֶען אֵיינצִיגֶער זאָל זֵיין בקי אוּן אַלֶע לשונות אוּן חכמות. זֵיי האָבֶּען אַזוֹי גֶעטוּהן זֵיי האָבִּין זִיךְ בֶּעזאַמֶען גִילֶערֶענט אוּן זֵיי האָבֶּען זִיךְ אוֹיסגִילֶערֶענט אַלֶע זִיבִּיצִיג לשונות אוּן אַלֶע וועֶלטלִיכֶע חכמות:

וְוִיא זֵיי דאָבֶּען זִיךְ אוֹיסגִילֶערֶענט אַלֶע שפּראַכֶען אוּן חכמות האָבֶּען זֵיי גֶעזאָגט. דֶער קיסר האָט דאָךְ אִינז אֵיינגֶעזאַמֶעלט מִיר זאָלֶען זִיךְ לֶערנִין כדי מִיר זאָלֶען עֶפִּיס מחדש זֵיין אוֹיף דֶער וועֶלט אוּן האָבֶּען גִיקלֶעהרט וואָס זֵיי זאָלֶען אָהנהֵייבֶּען צוּ טוּהן. האָט זִיךְ דֶער יוּדִישֶער חכם אָהנגֶערוּפֶען. מִיר גִיפֶעלט אַז מִיר זאָלֶען בֶּעטֶען דֶעם קיסר אַז עֶר זאָל אִינְז גֶעבִּין רשות צוּ פאָהרֶען אוֹיף דֶעם ים אוּן מִיר זאָלֶען זוּכֶען דִי עֶרטֶער ווּי קֵיין מֶענש אִיז נאָךְ נִיט דאָרט גִיוָועזֶען. זִיכֶער וועֶלִין מִיר דאָרט גֶעפִינֶען נֵייעֶס וואָס מֶען ווֵייסט נאָךְ נִיט פוּן דֶעם אוּן מִיר וועֶלִין קֶענִין פִיל חכמות זִיךְ דאָרט לֶערנֶען אוּן עֶס וועֶט דֶעם קיסר אוֹיף בּרֶענגֶען גרויסֶע נִיצֶען. זֵיין עצה אִיז זֵייעֶר גִיפֶעלִין אוּן אַלֶע חכמים האָבִּין אִיהם גִיזאָגט אַז זֵיין עצה אִיז זֵייעֶר גוּט אוּן מֶען דאַרף טאַקִי אַזוֹי טוּהן:

דֶעם צווֵייטֶען טאָג זֶענֶען דִי חכמים אַרֵיין גֶעגאַנגֶען צוּם קיסר אוּן האָבֶּען אִיהם דֶערצֶעהלט זֵייעֶר עצה. דִי זאַך אִיז דֶעם קיסר זֵייעֶר גֶעפֶעלֶען דֶער קיסר האָט גֶעהֵייסֶען זֵיי צוּ גרֵייטֶען אַ שִיף אוּן עֶסֶען אוּן כל הצטרכות אוֹיף דֶער רֵייזֶע אוּן משרתים פאַר יֶעדֶען אֵייגֶעם וואָגֶען. אוּן זֵיי האָבֶּען זִיךְ גֶעבִּיקט צוּ דֶעם קיסר אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעזֶעסֶען אוֹיף דֶער שִיף אוּן זֵיי זֶענֶען אַוֶועק גֶעפאָהרֶען. זֵיי האָבֶּען גֶעזאָגט דֶעם שִיף'ס קאַפִּיטאַן אַז עֶר זאָל לאָזֶען דִי שִיף גֶעהן ווּי דֶער ווִינט וועֶט זִי פִיהרֶען. זֵיי זֶענֶען אַזוֹי גֶעפאָהרֶען צֶעהן טאָג אוֹיף דֶעם ים אוּן דֶער וואָג אִיז זֵיי בּאָךְ

בעקאנט געוועזען, נאך די צעהן טאג זענען זיי ארויס געקומען אויף איין אומבעקאנטען וועג וואס קיין מענשען פאהרען דארט ניט. דער שיפ'ס קאפיטאן האט זיי געזאגט רבותי דער וועג איז מיר זייער פרעמד. פון מיין יוגענד אהן פאהר איך אויף ימים און אזעלכע וייטע ערטער האב איך נאך ניט געזעהן, האבען זיי איהם געענטפערט אדאנק צו גאט עס פעהלט אונז גאר נישט און מיר האבען פאר קיינעם ניט וואס מורא צו האבען מיר האבען מיט זיך מיליטער מיט געוועהר אדרבה מיר וועלען נאר פאהרען אויף אזעלכע ערטער מיר זאלען געפינען נייעס. זיי זענען אזוי געפאהרען דריי טעג און זיי האבען מעהר נישט געזעהן נאר הימעל און וואסער :

דעם דריטען טאג פאר נאכט זענען זיי צו געקומען צו א הויכען בארג

און אויף דעם בארג איז געוואקסען גראז מיט כל מיני גוטע ביימער און קוואלען וואסער איז געוועזען אויף דעם בארג און כל מיני בהמות וחיות ועופות זענען דא אויף דעם בארג און זיי פאשען זיך אויף דער גוטער פאשע אלע בעזאמען זיי זענען חבר איינער מיט דעם צווייטען. און אויף דעם שפיץ בארג איז זייער אשעהנער פלאץ פיעל בעוואקסען מיט פערשידענע פירות ביימער און פערשידענע בלומען זיי האבען זיך זייער דערפרייד און האבען געזאגט אז מען דארף זיך דא אבשטעלען און ארויס געהן אויף דער יבשה און זיך דארט אביסעל אבריהען אצייט. זיי האבען געשיקט עטליכע מענשען מיט א קליין שיפעל צו צום בארג זיי זאלען זעהן וועהר עס געפינט זיך דארטען צו מען קען דארט צו געהן און צו מען דארף זיך צו גרייטען געוועהר אפשר געפינען זיך דארט ווילדע מענשען די שלוחים זענען אויף געגאנגען אויף דעם בארג און זיי האבען געזעהן אז אויף דעם בארג איז דאה כל טוב אלע בעסטע פירות און גוטע קוואלען וואסער זיי זענען ארויף געגאנגען אויף דעם שפיץ בארג האבען זיי געזעהן זייער אשענעם פאלאץ. האבען זיי געזאגט אז מסתמא וואהנען דא מענשען און זיי האבען זיך געלאזט צו געהן צום פאלאץ און זיי זאלען נעמען ביי די מענשען רשות אז מען זאל מעגען דא זיין א פאהר טעג. זיי זענען צו געגאנגען צום פאלאץ האבען זיי געטראפען די טיהר אפען זיי זענען אריין געגאנגען אין פאלאץ אריין האבען זיי דארט געזעהן זייער פיעל שעהנע חדרים און די חדרים זענען געוועזען פון כל טוב פערשידענע טישען מיט שטילען מיט בעטלעך מיט פערשידענע שטאב זאכען און די פענסטער זענען אפען און די גערטנער ארויס זיי האבען זיך אזוי ארום גידרעהט און אלע חדרים און זיי האבען נישט געפינען קיין מענש. זיי האבען זיך זייער פארווינדערט.

און זיי זענען צוריק געגאנגען צו דער שיף און זיי האבען דערציילט די חכמים וואס זיי האבען דא געזעהן א פאלאץ מיט כל טוב נאר קיין מענש זעהט מען ניט. די חכמים האבען מסכים געווען אראב צו געהן פון דער שיף אויף דעם בארג ארויף זיי זאלען זיך דארט אב רוהען עטליכע טאג און זיי זאלען זיך גוט אומקוקען אויף דעם בארג. און זיי האבען ארויס גענומען פון דער שיף זייערע קעסטליך מיט די חפצים מיט עסען נאר וויל דער בארג איז געווען זייער משופע האבען זיי ניט געקענט ארויף טראגען די קעסטליך האבען זיי געזאגט זייערע משרתים אז זיי זאלען כאפען עטליכע פערד און די פערד זאלען ארויף שלעפען די קעסטליך די משרתים זענען ארויף געגאנגען אויף דעם בארג און זיי האבען זיך אנגעהויבען צו יאגען מיט די בהמות זענען אבער שנעל געלאפען אז מען האט זיי בשום אופן ניט געקענט כאפען זיי האבען זיך מיט זיי געיאגט א לאנגע צייט און זיי זענען צוריק געקומען צו זייערע חכמים מיעד און זיי האבען זיי דערציילט דאס געשווינדקייט פון די בהמות אז עס איז ניט מעגליך זיי צו כאפען. די חכמים האבען זיך זייער געוואונדערט און זיי האבען געזאגט צו די משרתים מיר מוזען ארויף געהן אויף דעם בארג און איהר מוזט אליין ארויף שלעפען די קעסטליך אויף דעם בארג. די משרתים האבען אהנגעבינדען שטריק און די קעסלעך און מיט גרויס מוה האבען זיי ארויף געשלעפט די קעסטליך אויף דעם בארג ארויף און די חכמים זענען ארויף געגאנגען אויף דעם בארג און זיי זענען אריין געגאנגען און דעם פאלאץ. זיי האבען געזעהן דאס ארט אז עס איז זייער שעהן עס איז דא פון אלעם גוטעס זיי זענען אריין געגאנגען און פאלאץ אריין זיי האבין אנידער געשטעלט זייערע אלע חפצים זיי האבען זיך שטארק פערוואונדערט אויף דעם שעהנקייט פון דעם פאלאץ. און זיי האבען זיך נאך מעהר געוואונדערט וואס האבען ניט געזעהן אין פאלאץ קיין מענש זיי האבען געקלעהרט ווער דער בעל הבית פון דעם פאלאץ איז און ווי אזוי לאזט ער דעם פאלאץ אזוי הפקר אהן א שומר. און בעזונדער האבען זיי זיך געוואונדערט אויף דעם שטארקייט פון די בהמות אז אזוי פיהל משרתים גבורים זאלען ניט קענען כאפען אפילו קיין איין בהמה:

וְוי זיי האבען זיך גוט אומגעקוקט אויף דעם בארג און זיי האבען בע־
ווינדערט דאס שעהנקייט פון דעם ארט פליצלונג האבען זיי דערזעהן
ווי אלע בהמות און חיות און עופות האבען זיך איינגעזאמעלט אויף א גרויסין
פאלאץ און זיי האבען געשריגען איינער צום צווייטען זיי האבען געהאט
צווישען זיך א ויכוח האט אזוי געדויערט א ערך פון צוויי שעה נאך דעם
זענען זיי זיך צולאפען יעדען איינער אויף זיין ארט עס איז קיין איינער
ניט געבליבען אויף דעם ארט די מענשען האבען דאס אלעס געזעהן און
זיי האבען זיך פערווינדערט אויף דעם. זיי האבען ניט פערשטאנען וואס
זייער איינזאמלונג בעדייט. דערווייל איז נאכט געווארען די מענשען זענען
אריין געגאנגען און פאלאץ אריין איי זיי האבען זיך געלעגט שלאפען:
אין דער פריה זענען זיי אויף געשטאנען און זיי [illegible] זיך אב געגעסען
פריהשטיק און זיי זענען ארויס געגאנגען פון פאלאץ אהנקוקען די גערטנער
וואס זיי זענען ארום אלאץ. אין מיטען טאג האבען זיי דערזעהן פון דער
ווייטענס געהן א מענש און לאזט זיך געהן צו זיי האט איינער געזאגט צום
צווייטען דאס מוז זיין דער בעל הבית פון פאלאץ. זיי זענען געשטאנען
אויף א ארט און געווארט ביז דער מענש איז צו זיי צו געקומען און ער
האט זיי געגעבען שלום און ער האט זיי געזאגט איהר זאלט וויסען אז
איך בין צו אייך געקומען בשליחות פון דעם מלך אשמדאי ער רופט אייך
איהר זאלט צו איהם קומען איהר זאלט פאר איהם האבען א דין תורה
ע"כ דארפט איהר מיט מיר געהן. האבען זיי איהם געענפערט מיר האבען
נישט קיין אינטערעסען מיט קיינעם מיר האבען ניט קיין דין תורה מיט קיין
שום מענש. האט דער שליח זיי געענפערט ווער עס האט מיט אייך א דין
תורה וויים איך ניט נאר דאך אז דער מלך האט געשיקט נאך אייך דארפט
איהר ניט אב זאגען נאר איהר דארפט געהן און דארט וועט איהר זעהן
ווער אייער בעל דין איז. די חכמים זענען מיט געגאנגען מיט דעם שליח
זיי זענען צו געקומען ביז צום טויער פון מלך אשמדאי איז דער פאלאץ
געוועזען פיל פון בהמות און חיות און עופות אז עס איז נישט מעגלעך
געוועזען אדורך צו געהן. דער שליח איז געגאנגען פאר זיי און ער האט
געמאכט א וועג פאר די מענשען וועגען און זיי זענען אריין געגאנגען צום
מלך אשמדאי. דער מלך אשמדאי איז געזעסען אויף זיין שטיהל און זיי
האבען זיך צו איהם געבוקט. דער קיסר האט זיי בעגריסט און האט זיי געבעטען
זעצען. תיכף אזוי ווי די חכמים זענען אריין געגאנגען צום קיסר זענען אלע
בהמות און חיות און עופות נאך געגאנגען ביז די שטיב איז געוועזען
פיל און זיי האבען מעיז פנים געוועזען פאר דעם קיסר זיי זענען נישט

געשטאַגען מיט קיין דרך ארץ. ווי דער קיסר האָט דאָס דערזעהן איז ער אויף זיי בייז געוואָרען און ער האָט געזאָגט צו זיינע משרתים טרייבט ארויס אַלע, בהמות און חיות און עופות פון שטיב זיי ווייסען ניט קיין דרך ארץ צו האָבען פאַר מיר. ע״כ זאָלען זיי אַרויס געהן און זיי זאָלען זיך אויסקלויבען אייגעם ער זאָל זיך מיט די מענשען לאָדען און ער זאָל פאַר זייערט וועגען טענה׳ן וואָס זיי פערלאַנגען. די חכמים זענען געזעסען און געשוויגען און האָבען שוין געוואָלט זעהן ווער זייער בעל דין איז:

די בהמות און חיות און עופות זענען ארויס געגאנגען פון מלך׳ס שטיב ארויס און זיי האָבען גיקלערט וועמען זיי זאָלען אויס קלויבען. זיי האָבען אויסקליבען: דאָס אייזעל אז ער זאָל זיין זייער מליץ און ער איז אריין געגאנגען צום מלך. האָט דער מלך איהם גיפרעגט דיך האָט מען אויס געקליבען פאר א מליץ? האָט דאָס אייזעל גיענטפערט יאָ! האָט דאָס אייזל געזאָגט אדוני המלך. מיר אלע האָבען תרעומות אויף די מענשען. דאָס איז דאָך בעקאנט יעדען איינעם אז גאָט האָט בעשאפען די וועלט און ער האָט בעשאפען דעם מענש און בהמות און חיות און עופות זענען דאָך מיר אלע גלייך איבער דעם דארף איינער ניט זיין גרעסער פון צווייטען. איין גרעסערע בהמה דארף ניט הערשען אויף דער קלענערע און ניט איין מין אויף דעם צווייטען אַזוי דאַרף דער מענש ניט הערשען איבער אונז. ער טאָהר מיט אונז ניט אַרבייטען און ניט אונז הרג׳נען און ניט שלאָגען. פאַר וואָס האָט דער מענש אזאַ גרויסקייט און זיך ער זאָל צווינגען וועמען ער וויל. ער זאָל מיט איהם אַרבייטען דהיינו פערד אייזלען קעמלען אָקסען און נאָך אזעלכע בהמות וואָס מען אַרבייט מיט זיי. און נאָך אַ גרעסערע עולה טוהן זיי. זיי הרג׳נען פיעל פון אונז און זיי עסען דאָס פלייש דהיינו קוה הענער טויבען וכדומה, ע״כ בעט איך ביי דעם קיסר אַז ער זאָל זאָגען ווער עס איז גירעכט. איז דען רעכט ביי גאָט אַזאַ עולה וואָס די מענשען טוהען מיט אונז? האָט דער מלך געזאָגט צו די מענשען איהר האָט דאָך געהערט די טענות פון דעם אייזעל וואָס ענטפערט איהר אויף דעם?:

האָבען די חכמים גיענטפערט אדוני המלך דער מלך ווייסט דאָך זיכער דעם סדר בריאת העולם. אַזוי ווי עס שטעהט און דער תורה וואָס משה דער גרעסטער פון אַלע נביאים האָט זי געשריבען פון גאָט׳ס הייליג מויל. אַז צום ערשטען האָט גאָט בעשאַפען די בעלי חיים און האָט אַלעס צו געגרייט אויף דער וועלט נאָך דעם האָט ער בעשאַפען דעם מענש כדי

ער זאל קענין דינען גאט ב״ה וויל די גאנצע וועלט איז בעשאפען געווארין פון מענש׳ס וועגין כדי ער זאל קענין דינען גאט ב״ה. און גאט האט דעם מענש גיבענשט און ער האט איהם גימאכט געוועלדיגען אויף אלעמען וואס עס איז דא אויף דער וועלט אזוי ווי עס שטעהט און פסוק „ויברך אותם אלהים ויאמר להם פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשיה ורדו בדגת הים ובעוף השמים ובכל חיה הרומשת על הארץ״ גאט האט גיבענשט דעם מענש און ער האט איהם גיזאגט מעהרט אייך און איהר זאלט געוועלטיגען אויף די פיש און אויף די עופות און אויף אללע לעבדיגע זאכען וואס לעבט אויף דער ערד. און אויך נאך דעם מבול ווען נח מיט זיינע קינדער זענין ארויס געגאנגען פון דער תיבה האט איהם גאט גיבענטש. אזוי ווי עס שטעהט און פסוק „ויברך אלקים את נח ואת בניו ויאמר להם פרו ורבו ומלאו את הארץ ומוראכם יהי׳ על כל חיות הארץ ועל כל עוף השמים בכל אשר תרמיש האדמה ובכל דגי הים בידכם נתנו״ גאט האט גיבענשט נחין מיט זיינע קינדער און ער האט צו זיי געזאגט מעהרט אייך און ערפילט די וועלט און אייער מורא זאל זיין אויף אלע חיות און עופות יעדענס וואס עס לעבט אויף דער וועלט גיב איך עס איבער און אייער רשות. נאך מעהר האט גאט געזאגט צו זיי „כל רמש אשר הוא חי לכם יהי׳ לאכלה כי רק עשב נתתי לכם את כל״ יעדען לעבדיגע זאך זאלט איהר עסען עס זאל זיין ביי אייך גלייך ווי גראז דאס הייסט אז ווי גראז איז דאך הפקר פאר אייערט וועגין אזוי איז פאר אייערט וועגין הפקר יעדען לעבדיגע זאך. זעהן מיר אז גאט ב״ה ער האט בעשאפען די וועלט מיט זיין ווילען און ער איז א מושל אויף דער וועלט און מיט זיין ווילען האט ער געמאכט געוועלטיגען דעם מענש אויף אלע בעלי חיים. ווער קען איהם זאגען און פרעגין פאר וואס ער טוהט אזוי. אפילו ביי א בשר ודם אז ער מאכט איינעם גרויס ווער קען זיך אינטער שטעלין און איהם פרעגין פאר וואס ער האט אזוי געטוהן און אויב איינער וועט זיך אינטער שטעלין און איהם איבער פרעגין פאר וואס ער האט אזוי געטוהן קומט דאך איהם זיכער צו הרגינן. קענין מיר שוין פערשטעהן א מלך בשר ודם וואס ער איז גלייך מיט יעדין מענש ער איז ניט גרעסער פון אלע מענשען. ער האט די מענשין ניט בעשאפען פון דעסט וועגען קומט דעם מענש מיתה. גאט וואס ער האט בעשאפען די גאנצע וועלט און ער איז א מושל אויף דער גאנצער וועלט און ער האט איבער גיגעבען די ממשלה צו וועמען ער האט געוואלט און ער האט אין דעם מענש בוחר געווען מעהר ווי און אלע בעלי חיים ווער קען זיך איינשטעלין און ניט ביי שטעהן אויף דעם קומט דאך אויס אז דער וואס ער קריגט אויף אינז איז גלייך ווי ער קריגט אויף גאט:

האט דער מלך געדאנקט די חכמים פאר זייערע קלוגע רייד און ער האט צו זיי געזאגט אייערע רייד זענען אמת איהר זאגט גערעכט און ער האט זיך געווענדעט צום אייזעל און ער האט צו אהם געזאגט די האסט געהערט די טענות פון די מענשען אויב די האסט נאך עפיס צו טענה׳ען און אב צו ווענדען זייערע רייד זאג. דאס אייזעל איז געבליבען שטיין און ער האט נישט געהאט וואס צו ענטפערין. אלע בעלי חיים ווי זיי האבען גיהערט אז דאס אייזעל האט ניט געהאט וואס צו ענטפערען און דורך דעם קיסר וועלען זיי בלייבען אום בערעכט האבען זיי אלע אנגעהויבען צו שרייען צום קיסר מיר בעשטייהען נישט אז דאס אייזעל זאל זיין אונזער פערטיידיגער מיר זעהן ווי ער איז א טיפוש ער קען גאר ניט טענה׳ן פאר אונזערט וועגען אז מיר זאלען בלייבען גערעכט. אלזא בעטען מיר דעם מלך זאל אונז געבען צייט אז מיר זאלען אויסקלייבען אקלוגען פערטיידיגער ער זאל קענען טענה׳ן פאר אונזערט וועגען דער מלך האט זיי געגעבען צייט דריי טאג זיי זאלען זיך אויס קלויבען איינעם א פערטיידיגער אלע בעלי חיים זענען אוועק געגאנגען האט דער מלך געזאגט צו די חכמים געהט אויף אייער ארט און דריי טאג ארום זאלט איהר קומען ענדיגען די דיא דין תורה. די חכמים האבען זיך געבוקט צום מלך און זיי זענען צוריק געגאנגען אין פאלאץ אריין:

עס איז געקומען דעם דריטען טאג האט דער מלך געשיקט רופען די חכמים זיי זענען אלע געקומען צום מלך און דער מלך האט געשיקט רופען אלע בעלי חיים זיי זענען אלע געקומען צו לויפען און זיי האבען זיך אייגעזאמעלט פאר דעם טויער פון מלך און זיי האבען זיך אהנגעהויבען צו קריגען ווער עס זאל אריין געהן זיין א פערטיידיגער עס האט קיינער ניט געוואלט אריין געהן. ווייל זיי האבען ניט געהאט קיין תשובה צו ענטפערן אויף די רייד פון די חכמים. דער מלך האט געווארט ביז עס וועט איינער פון זיי אריין קומען זיי האבען זיך אבער אבגעריקט און זיי האבען מורא געהאט אריין צו געהן. ביז דער מלך האט געגעבען א געשריי אויף זיי צו זענען מיר אייערע קנעכט מיר זאלען ווארטען אויף אייך אזוי לאנג. קלויבט אייך אויס איינעם ער זאל זיין אייער פערטיידיגער אויב איהר האט ביז יעצט ניט געפונען קיין איינעם פון אייך ער זאל ריידען פאר אייערט וועגען וואס קענען מיר אייך טוהן, ווי לאנג וועלען מיר אויף אייך ווארטען די מענשען זענען דאך גאר דא אויף דעם ארט נאר דער וויל. זיי דארפען דאך אוועק פאהרען און זיי קענען שוין ניט ווארטען אויף אייך ביז איהר וועט אייך אויס קלויבען א פערטיידיגער. זיי האבען געמוזט צו טרעטען נעהנטער צום מלך. יעדער איינער האט געשטיפט דעם צווייטען אז ער זאל געהן פאראויס און בשום אופן האט קיינער ניט געוואלט אריין געהן ביז

דער הינד איז ארויס געשפרונגען און ער איז אריין געגאנגען צום מלך. און ער האט געזאגט אדוני המלך דער מלך דארף שטראפען די מענשען וואס זיי ארבייטען מיט אלע בעלי חיים בעבודה קשה וואס דאס איז נגד רצון הבורא עולם וואס ער האט באשאפען אונז אויף די וועלט זאל זיין פון איינז בעזעצט און זיי ווילען אונז פערניכטען:

ווי דאס שעפסעלע האט דערהערט די רייד פון דעם הינד האט עס זיך אריין געשטופט און שטיב אריין צום מלך און עס האט זיך געבוקט פאר דעם מלך און עס האט געזאגט אדוני המלך גיב מיר רשות דאס מאהל צו ריידען. האט איהם דער מלך געענטפערט רייד. האט עס געזאגט אדוני המלך די זאלסט ניט הערען דעם הינד זיינע רייד זענען שקר ער איז געפיינט ביי גאט און ער איז פערשאלטען. א ראי' אז ער איז פערשאלטען פון גאט זייערע מוטערס געבארען זייערע קינדער זעקס מיט אמאהל דאך איז אין זיי דא א קללה מען וועט קיינמאהל ניט טרעפען קיין סטאדע הינד פון עטליכע הינדערט מיט אמאהל. חאטש זיי זענען טמא און קיין שום מענש שעכט זיי ניט און מען עסט זיי ניט. ווייל זיי זענען טמא און זיי טוהן ניט דעם רצון הבורא. אבער זאלען מיר זעהן מיר שעפסליך מיר ווייסען אז גאט האט אונז און אלע ברואים באשאפען פאר מענשען וועגען ווייל זיי זענען די בעסטע פון אלע ברואים און מיר גיבען זיך אליין איבער צו זיי און די הענד זיי זאלען מיט אונז טוהן וואס זיי ווילען. ווייל דאס איז דער רצון הבורא. איבער דעם ווייל גאט זעהט אונזער גוטקייט מיר חערין געשאכטין צוליעב זיין ווילען. בענשט ער אונז הגם מיר ווערען ניט געבארען נאר איינציגווייז און מען שעכט פון אונז אין די טויזענדער דאך איז ביי אונז דא א ברכה אז מיר זענען סטאדעס און די טויזענדער מיט אמאהל. דארפין מיר ניט קיין בעסערע ראי' פון דעם אז די מענשען זענען גירעכט. גאט האט זיי איבער גיגעבען די ממשלה איבער אונז און ווער עס וויל זיי ניט פאלגען איז ווערד א גרויסען עונש און גאט וועט איהם זיכער שטראפען. האט דער מלך געזאגט צום שעפסעלע די זאלסט זיין גיבענשט פון גאט די האסט גירעדט קלוגע רייד יעצט קען יעדער בעל חי זיך געהן אויף זיין ארט און איהר האט שוין גאר ניט וואס צו ריידען ווייל מיר זעהן אז גאט וויל אזוי אז דער מענש זאל אויף אייך זיין א מושל. ווי די בעלי חיים האבען דערהערט דעם פסק פון מלך זענען זיי אלע אוועק געגאנגען בחרפה ובבושה. און דער מלך האט א היים געשיקט די חכמים צו זייער ארט מיט גרויס פריינדשאפט און מיט גרויס כבוד. די חכמים זענען תיכף אויף געזעסין אויף דער שיף און זיי זענען א היים געפאהרען און זיי האבען דערציילט דעם קיסר די גאנצע מעשה. דער קיסר האט זיך זייער פערוואונדערט הערענדיג די מעשה און ער האט זיי גיגעבען מתנות און ער האט זיי א היים געשיקט יעדען איינעם אויף זיין ארט: